The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

פּאָליטיש אונאפהענגיג, נאציאנאל
א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIX No 7807 — Tuesday, March 1st, 1932 — יום ג׳, כ״ג אדר א׳, פרשה ויקהל, תרצ״ב. — טאראנטא, דינסטאג דער 1־טער מערץ, 1932. — PRICE THREE CENTS

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY MAR 3 1932 ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

N Y Public Library 476 Fifth Ave NEW YORK N Y

כינע און יאפּאן זענען מסכים צו אפּשטעלען שלאכטען ארום שאנכאי

דערווייל אבער איז די מלחמה נאָך ניט אפּגעשטעלט געוואָרען. — ביידע רעגירונגען דארפען נאָך געבען זייער הסכמה צו דעם. — כינעזישע רעגירונג באשליסט צו שיקען ארמיי קיין מאנדזשוריע. — וועט אויך באנייען דיפּלאָמאטישע באציאונגען מיט רוסלאנד.

זשענעווא, פעב. 29.

די פעלקער־ליגע איז היינט אינפאָרמירט געוואָרען ביי איהר עפענטליכער סעסיע, אז יאפּאן און כינע האבען מסכים געווען אין פּרינציפּ, אז ביידע צדדים זאָלען צוריקציהען זייערע ארמייען פון דעם געגענט פון שאנכאי.

די דאָזיגע אינפאָרמאציע איז איבערגעגעבען געוואָרען פון סער דזשאָהן סיימאָן, בריטישער אויסערן מיניסטער. לויט ווי ער האט איבערגעגעבען, זענען ביידע צדדים געקומען צו א פארשטענדיגונג ביי א ספּעציעלער קאָנפערענץ וועלכע איז אראנזשירט געוואָרען אויף דער בריטישער פלאג־שיף אין שאנכאי, מיט דער באטייליגונג פון דעם בריטישען אמבאסאדאָר אין שאנכאי.

לויט דער פארשטענדיגונג האבען די פארטרעטער פון יאפּאן און כינע מסכים געווען, אז א וואפענשטילשטאנד קאָנפערענץ זאָל פארופען ווערען און עס זאָלען זיך באטייליגען, ניט בלויז די פארטרעטער פון יאפּאן און כינע, נאר אויך די פארטרעטער פון אלע לענדער וועלכע האבען געוויסע אינטערעסען אין שאנכאי.

די דאָזיגע פארשטענדיגונג דארף נאָך גוטגעהייסען ווערען פון ביידע רעגירונגען אין נאנקין און טאָקיאָ.

אזוי שנעל ווי די דאָזיגע נייעס איז באקאנטגעמאכט געוואָרען, האט דער פראנצויזישער דעלעגאט, זשאזעף פּאָל באָנקאור, פארגעשלאָגען אז א קאָנפערענץ זאָל באלד פארופען ווערען אין שאנכאי, מיט אלע פאראינטערעסירטע לענדער, אום צו מאכען וואס שנעלער א סוף מיט'ן קאָנפליקט.

די דאָזיגע קאָנפערענץ, האט ער געזאָגט, וועט זיין באזירט אויפ'ן פּרינציפּ וואס יאפּאן האט ניט קיינע פּאָליטישע אמביציעס אין דעם געגענט פון שאנכאי. ער האט דערקלעהרט, אז די מיטהילף פון די גרויס־מאכטען וועט זיין נויטיג אום דעם שלום צו דערגרייכען.

די איטאליענישע, בריטישע און אמעריקאנער דעלעגאטען ביי דער פעלקער־ליגע האבען צוגעזאָגט זייער פולע הילף פאר א שלום. כל־זמן די דאָזיגע פארהאנדלונגען זענען נאָך אבער ניט גוטגעהייסען געוואָרען פון דער כינעזישער רעגירונג און פון דער יאפּאנעזישער רעגירונג, זענען די שלאכטען ארום שאנכאי דערווייל נאָך ניט אפּגעשטעלט געוואָרען, און לויט ווי דער בריטישער אויסערן מיניסטער האט דערקלעהרט, וועט קיין שום קאָנפערענץ ניט קענען פארקומען, כל־זמן די שלאכטען ארום שאנכאי וועלען ניט אפּגעשטעלט ווערען.

סיי דער יאפּאנעזישער דעלעגאט נאַאטאקע טאטאָ און סיי דער כינעזישער דר. וו. וו. יען האבען דערקלעהרט, אז זיי זענען זיכער דאס זייערע רעגירונגען וועלען איינגעהן אויפ'ן פּלאן.

נאנקין, כינע, מערץ 1, (דינסטאג).

די כינעזישע רעגירונג האט היינט באשלאָסען צו ארויסשיקען א שטראף־עקספּעדיציע (א שטארקע ארמיי) געגען דער ניי־געגרינדעטער אונאפּהענגיגער רעפּובליק פון מאנדזשוריע.

אין אנדערע ווערטער מיינט דער דאָזיגער באשלוס, אז א נייע מלחמה אויף מאנדזשוריע וועט אנגעהויבען ווערען פון דער כינעזישער רעגירונג מיט'ן צוועק צו צונעהמען צוריק מאנדזשוריע וועלכע יאפּאן האט פון איהר אפּגעריסען.

די כינעזישע רעגירונג האט אויך באשלאָסען צו באנייען די דיפּלאָמאטישע באציאונגען מיט דער סאָוויעט־רעגירונג, וועלכע זענען איבערגעריסען געוואָרען אין 1929, ווען די כינעזער און רוסען האבען זיך געשלאָגען איבער דער רוסיש־כינעזישער מזרח־אייזענבאהן אין צפון מאנדזשוריע.

עס ווערט פארשטאנען, אז די לאַגע אין שאנכאי האט געצוואונגען דער כינעזישער רעגירונג צו קומען צו דעם דאָזיגען באשלוס.

שאנכאי, (דינסטאג), מערץ 1.

טראָץ די באריכטען וועגען שלום פארהאנדלונגען זענען די שלאכטען ארום שאפּעי היינט פיעל פארשטארקט געוואָרען ווען די יאפּאנעזער האבען פארצייכענט נאָך א זיג, אפּשוואכענדיג די כינעזישע דעפענסיווע אין שאפּעי.

טאָקיאָ, פעב. 29.

סענסאציאָנעלע באריכטען זענען דא דערהאלטען געוואָרען וועגען א הלוואה פון 50 מיליאָן דאָלאר וואס אמעריקע האט געליען צו כינע.

דאס יאפּאנעזישע אויסערן־מיניסטעריום האט היינט אויך דערהאלטען א באריכט פון דעם יאפּאנעזישען קאָנסול אין וולאדיוואָסטאָק, אינפאָרמירענדיג, אז א סאָוויעטישע ארמיי פון הונדערט טויזענט געפינט זיך איצט אין וולאדיוואָס־

(פארזעצונג אויף פּיידזש 3)

אנטעריאָ וועט פארקלענערען ארבייט פון בויען האי־וועיס

אדרעסירענדיג די 25־טע יעהרליכע פארזאמלונג פון דער אנטעריאָ מאָטאָר־ליעג אין ראָיעל יאָרק האָטעל, האט ר. מ. סמיט, רעפּיוטי מיניסטער אף האי־וועיס, דערקלעהרט, אז די פּראָווינציעלע רעגירונג וועט אין פארלויף פון דעם היינטיגען יאהר שטארק פארקלענערען איהרע עפענטליכע ארבייטען, און גאנץ באזונדערס דאס בויען האי־וועיס.

ער האט דערקלעהרט, אז ער ווייסט ניט אויף וויפיעל די ארבייט וועט פארקלענערט ווערען, אבער ער איז זיכער, האט ער געזאָגט, אז צוליעב דעם איצטיגען עקאָנאָמישען דרוק וועלען די פארקלענערונגען זיין זעהר גרויסע.

אנשטרענגונגען וועלען געמאכט ווערען, האט ער געזאָגט, צו העלפען די ארבייטסלאָזע דורך דירעקטע סובסידיעס.

פּאַלעסטינער פּראָדוקטען פאלען אונטער הויכען טאריף אין ענגלאנד

לאָנדאָן, ענג., פעב. 29 (איטא).

סחורות וואס וועלען אנקומען קיין ענגלאנד פון פּאַלעסטינע, אנהויבענדיג מאָרגען, וועלען זיין אונטערוואָרפען אונטער דעם זעלבען אפּצאָהל פון צעהן פּראָצענט אזוי ווי אלע אויסלענדישע אימפּאָרטירטע סחורות, אזוי איז די „איטא" היינט אפיציעל אינפאָרמירט געוואָרען.

אין דער זעלבער צייט רעזערווירט די רעגירונג דאס רעכט פאר זיך, דורך אן „אָרדער־אין־קאָנסיל", צו באשטימען אויב וועלכע עס איז מאנדאטען לאנד זאָל קריגען די זעלבע פּריוויליגירטע באהאנדלונג ווי די דאָמיניאָנס פון דער בריטישער אימפּעריע.

די קעניגליכע גוטהייסונג פונ'ם ביל, נאכדעם ווי עס איז אננענומען געוואָרען פון ביידע הייזער פון פּארלאמענט, וועט געגעבען ווערען היינט אָווענט, ווען די „דיוטיס" (אפּצאָהל) וועלען אריין אין קראפט.

מען האפט נאָך אבער אז שפּעטער זאָלען פּאַלעסטינער סחורות ניט ארונטערפאלען אונטער'ן אפּצאָהל, וואס זאָל געענדערט ווערען דורך א ספּעציעלען „אָרדער־אין־קאָנסיל" וואס די רעגירונג וועט קענען טאָן ווען זי וועט וועלען.

פון א געזעצליכען שטאנדפּונקט ווערט איצט די פראגע באטראכט אויב פּאַלעסטינע קען, פאר דעם דאָזיגען צוועק, באטראכט ווערען אלס א טייל פון דער בריטישער אימפּעריע אדער ניט.

רעקאָמענדירט געגען העכערונגען פון „וואָרקערס קאָמפּענסיישאָן" אין אנטעריאָ

ריכטער מידלטאָן, וועלכער איז באשטימט געוואָרען צו אונטערזוכען דעם וואָרקמענס קאָמפּענסיישאָן עקט, איז, נאָך א רייע אונטערזוכונגען געקומען צום שלוס, אז די העכערונג אין „וואָירקמענס קאָמפּענסיישאָן" (באגיטיגונג פאר ארבייטער וועלכע ווערען פארוואונדעט ביי דער ארבייט) וואס איז פארלאנגט געוואָרען פון דעם טריידס ענד לייבאָר קאָנגרעס בעת דער לעצטער קאָנווענשאָן אין ערמאָנטאָן, זאָל ניט נאכגעגעבען ווערען.

די העכערונג אין באגיטיגונג, האט דער ריכטער אויסגערעכענט, וואָלטען אפּגעקאָסט אונזער פּראָווינץ 6 מיליאָן און 370 טויזענט דאָלאר דעם ערשטען יאהר, און א מיליאָן מיט 375 טויזענט דאָלאר אלע ווייטערדיגע יאהרען.

דער טריידס ענד לייבאָר קאָנגרעס האט פארגעשלאָגען א העכערונג פון קאָמפּענסיישאָן פאר אלמנות פון ארבייטער וועלכע זענען אומגעקומען ביי דער ארבייט; א העכערונג פאר פּענסיע פון ארבייטער קינדער; „ריזעבּיליטיס" און דאס גלייכען.

דערקלעהרענדיג זיין געגנערשאפט צו די דאָזיגע העכערונגען האט דער ריכטער דערקלעהרט, אז ערשטענס איז עס אוממעגליך אונטער די איצטיגע שווערע אומשטענדען, און צווייטענס וואָלט עס געמיינט א חורבן פאר דער גאנצער אינדוסטריע.

דרייצעהן טויזענט בחורים אויף פארמס

אטאווא, פעב. 29.

ענטפערענדיג אויף א פראגע אין פּארלאמענט האט דער אימיגראציאָנס מיניסטער, האָנ. וו. א. גארדאָן, דערקלעהרט, אז פון 45 טויזענט פערזאָן וואס זענען איינגעאָרדנעט געוואָרען אויף פארמס אין קאנאדע, זענען איבער 13 טויזענט געווען ניט פארהייראט.

6 פּערזאָן פארוואונדעט ווען באס שטויסט זיך אן מיט קאר

ניו־קעסעל, אנט., פעב. 29.

זעקס פּערזאָן, 5 מענער און א פרוי, זענען היינט פארוואונדעט געוואָרען ווען א באס פון דער קאָלאָקוט'ס קאָוטש לאַין האט זיך צוזאמענגעשטויסען מיט א קאר זיבען מייל פון פּאָרט האָופּ.

די קאר איז געטריבען געוואָרען פון אלבערט קארנער, האמילטאָן.

אויף א קלאגע פון קרימינעלער נאכלעסיגקייט איז קארנער איינגעשפּארט געוואָרען אין דזשייל אין פּאָרט־האָופּ, און עטליכע פון די פארוואונדעטע געפינען זיך איצט אין האָספּיטאל ליידענדיג פון שווערע וואונדען.

אן אונטערזוכונג וועגען דעם דאָזיגען עקסידענט איז איצט אנגעהויבען געוואָרען.

ענטוזיאסטישע קלאָוקמאכער „פּלעדזשען" זייער פי[illegible]ציעלע און מאָראלישע שטיצע פאר דער יו[illegible] סטרייק ניט גוט געהייסען

אן ענטוזיאסטישע מאסענפארזאמלונג פון די טאראנטאָ'ר קלאָוקמאכער איז נעכטען אָווענט אפּגעהאלטען געוואָרען אין לייבאָר לייסעאום. דאס איז געווען די ריזיגסטע פארזאמלונג פון קלאָוק ארבייטער וואס איז ווען אפּגעהאלטען געוואָרען אין טאראנטאָ, ווען איבער טויזענט קלאָוקמאכער זענען געקומען אויפ'ן רוף פון דער יוניאָן צו אויסדריקען זייער מיינונג וועגען דער איצטיגער סיטואציע אין טרייד.

עס איז געווען א מערקווירדיגע דעמאָנסטראציע פון ארבייטער סאָלידאַריטעט, און דאס איז אמקלאהרסטען אויסגעדריקט געוואָרען אין דער רעזאָלוציע וועלכע איז פון די ארבייטער איינשטימיג אנגענומען געוואָרען.

די רעזאָלוציע דריקט אויס די פולסטע מאָראלישע און פינאנציעלע הילף צו דער יוניאָן אין איהר קאמף געגען די מאַנופעקטשורערס פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער. די רעזאָלוציע גיט אויך די יוניאָן באאמטע די פולסטע רעכט צו אננעהמען וועלכע מיטלען די יוניאָן געפינט פאר נויטיג ווען באזונדערס עקסטרעמע שריט ווערען געפאָדערט אום צו אויפהאלטען די פּאָזיציעס פון די ארבייטער קרעפטיג.

דער האָל איז נעכטען אָווענט געווען ממש איבערגעפּאַקט און הונדערטער ארבייטער זענען געווען געצוואונגען צו בלייבען אין דרויסען.

דערקלעהרענדיג זייער פולשטענדיגע לאָיאַליטעט צו דער יוניאָן אין איהר קאמף צו פארבעסערן די איצטיגע קאָנדיציעס פון דעם ארבייטער, האבען אבער די פארזאמעלטע ניט געגעבען זייער גוטהייסונג פאר א נאהענטען גענעראַל סטרייק, ווי עס האט זיך אויסגעוויזען אז עס וועט נויטיג זיין.

אין דער רעזאָלוציע זאָגט זיך אויך, אז די ארבייטער אנערקענען דעם פאקט, דאס די באלעבאטים נוצען אויס די איצטיגע סיטואציע פאר זייערע בענעפיטען געגען די אינטערעסען פון די ארבייטער.

א שטיקעל טומעל איז ארויסגעקומען ביי דער פארזאמלונג נעכטען אָווענט ווען דער ווייס־פּרעזידענט פיינבערג האט זיך געשטעלט אדרעסירען די פארזאמלונג. איינציגע ארבייטער האבען איהם פארגעוואָרפען דעם סטרייק אין די פריער קלאָוק, וועלכער איז אויפגעגעבען געוואָרען, אבער נאכדעם ווי מר. פיינבערג האט אויפגעקלעהרט די אומשטענדען פון יענער סיטואציע זענען אלע געבליבען צופרידען.

צווישען די אנדערע וואס האבען אדרעסירט די פארזאמלונג זענען געווען מר. פיינבערג, אב. קירזשנער, קיינדלער, קרייזמאן און אנדערע.

„אָרט" און פאלקס־געצייג קאמפּיין פאראייניגט ביי קאָנפערענץ

ניו יאָרק, פעב. 29, (איטא).

דער אמעריקאנער „אָרט" און דער „פאלקס געצייג קאמפּיין" זענען נעכטען פאראייניגט געוואָרען ביי דער קאָנפערענץ צו וועלכער פיער הונדערט דעלעגאטען זענען געקומען.

די נייע אָרגאַניזאציע וועט זיין באקאנט אלס „פאלקס־אָרט" פעדעראציע.

ב. וולאדעק, טשערמאן פון דעם „פאלקס געצייג קאמפּיין", איז באשטימט געוואָרען אלס נאציאָנאלער טשערמאן פון דער עקזעקוטיווער קאָמיטע פון דער פאראייניגטער אָרגאַניזאציע.

אנדערע דערוועהלטע ווייס־טשערלייט זענען: לואיס ב. בודין, מאָריס בערמאן, מאיר בראון, אלעקסאנדער קאהען און מאָריס לעווין.

דער טרעזשורער איז דזש. וויינבערג.

די נייע אָרגאַניזאציע וועט אנווענדען איהר הויפּט הילפס ארבייט אין פּוילען, אזוי איז באשלאָסען געוואָרען.

וולאדעק האט אויך באריכטעט, אז דער פאלקס געצייג קאמפּיין האט איבערגעשיקט קיין רוסלאנד הונדערט און פופציג טויזענט דאָלאר.

27 טויזענט אימיגראנטען זענען אריינגעקומען קיין קאנאדע

אטאווא, פעב. 29.

עס איז היינט דערקלעהרט געוואָרען אין פעדעראלען פּארלאמענט, אז אין יאהר 1931 זענען אריינגעקומען קיין קאנאדע 27 טויזענט 530 אימיגראנטען. אין דעם זעלבען יאהר זענען דעפּאָרטירט געוואָרען פון קאנאדע 6,582.

פון דער צאָהל אריינגעקומענע זענען 16 טויזענט און 361 אימיגראנטען געקומען אהער פון די בריטישע אינזלען, איינשליסענדיג ענגלאנד, אירלאנד, שאָטלאנד און וועילס.

די איבעריגע זענען געקומען פון אלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

פאשיסטען אין פינלאנד וועלען באקעמפט ווערען מיט אייזערנער האנט

העלזינגפאָרס, פינלאנד, פעב. 29.

פּרעזידענט פּעהר עדווין סווינהופוואוד פון פינלאנד האט היינט אָווענט ארויסגעגעבען א דעקרעט צו אויפהאלטען געזעץ און אָרדנונג, וועלכער געזעץ גיט איהם די עקסטרעמע מיליטערישע מאכט צו באגעגענען יעדען רעבעלען אויפשטאנד פון די פינלענדישע פאשיסטען.

א פארזוך פון די פינלענדישע פאשיסטען באקאנט אונטער'ן נאמען „לאַפּוא", צו אומוואַרפען מיט געוועהר די איצטיגע רעגירונג, איז אויפגעדעקט געוואָרען אין צייט, און א פאראָרדנונג איז ארויסגעגעבען געוואָרען צו אלע סאָלדאטען צו זיין גרייט צו באגעגענען דעם פאשיסטישען אנפאל.

פיער טויזענט באוואפענטע פאשיסטען געפינען זיך איצט אין מאנטסאלא, און נאָך צוואנציג טויזענט ווערען יעדע מינוט דערוואַרט, צו אנהויבען א מארש אויף דער הויפּט־שטאָדט העלזינגפאָרס.

א ספּעציעלער קאבינעט־מיטינג איז אפּגעהאלטען געוואָרען מיט דער באטייליגונג פונ'ם הויפּט פון דער ארמיי.

וואודסוואָרט זאָגט אז בענעט פירט איין „אייזערנעם" רעזשים

לויט דער מיינונג פון דעם ארבייטער רעפּוטאט דזש. ס. וואודסוואָרט, פּלאַנט די איצטיגע פעדעראלע רעגירונג א רעזשים פון „אייזערנעם קולאק" אין קאנאדע, און ער האט דערקלעהרט, אז ער וועט ניט זיין דערשטוינט אויב מר. בענעט וועט אין גיכען אנהויבען ארויסטרייבען די ארבייטער רעפּוטאטען פון פּארלאמענט, אזוי ווי עס איז געווען אין דער ניו יאָרקער לעדזשיסלייטשור מיט א צייט צוריק.

מר. וואודסוואָרט, וועלכער איז נעכטען געווען אויף א באזוך אין טאראנטאָ, האט פארדאמט די האנדלונג פון געריכט צו פארשיקען אין פּעניטענשערי 8 קאָמוניסטישע פיהרער. ער האט אויך אטאקירט די רעגירונג הלמאי, שניידענדיג די ווייזשעס פון די רעגירונגס־אנגעשטעלטע, זענען אויסגעלאָזען געוואָרען די ריכטער, ארמיי און נייווי און די ראָיעל קענעדיען מאָונטעד פּאָליציי.

[illegible]אדעצקי איז געגען פּלאן פון פּאַלעסטינע דיסטריקטען

לאָנדאָן, ענג., פעב. 29, (איטא).

עס ווערט דערוואַרט אז דער צווייטער טייל פונ'ם באריכט פון דעם פּאַלעסטינער לאנד־קאָמישאָנער, לואיס פרענטש, זאָל ניט אזוי שנעל צוגעשטעלט ווערען, צוליעב דעם וואס עס אָדערט זיך א סך צייט צו באשטעטיגען ווי גרויס עס איז די צאָהל פון די לאנדלאָזע אראבער, האט פּראָפעסאָר בראָדעצקי היינט דערקלעהרט ביי א פּרעסע מיטינג.

בראָדעצקי האט אויך גערעדט וועגען דעם פארשלאג פון דעם אראבער הילמי וועגען פּאַלעסטינער דיסטריקטען. ער האט זיך דערקלעהרט פולשטענדיג ניט צופרידען מיט דעם פארשלאג, ווייל עס איז ניט באגרינדעט, האט ער געזאָגט.

ער האט אויך אויסגעדריקט די האָפנונג אז ענגלאנד וועט אויסשליסען פּאַלעסטינע פון די הויכע שטייערן, ווייל דאס וואָלט געהאט א שעדליכע ווירקונג אויף דער גאנצער פּאַלעסטינער באפעלקערונג, האט ער דערקלעהרט.

פארד איז א גרויסער אנהיינגער פון פּראָהיבישאן

דעטראָיט, פעב. 29.

ריידענדיג היינט וועגען זיינע פּלענער צו אויסגעבען הונדערטער מיליאָנען דאָלארען פאר זיין נייעם אויטאָמאָביל, האט הענרי פארד דערקלעהרט אין איין וועגס, אז פּרעזידענט הואווער דארף דערוועהלט ווערען פאר נאָך א טערמין, און אז דער 18־טער אמענדמענט (פּראָהיבישאן) דארף ניט אפּגעשאפען ווערען, און אז די וועלט זאָל זיך אומקעהרען צו איהרע אמאָליגע בענקינג מעטאָדען.

ריידענדיג וועגען זיין נייעם אויטאָמאָביל האט ער דערקלעהרט, אז א מיליאָן און א האלב אויטאָמאָבילען וועלען פאבריצירט ווערען אין היינטיגען יאהר בלויז, און ער האט אויסגעדריקט די האָפנונג אז דורך דעם וועט פּראָספּעריטי צוריק קומען אין לאנד.

היטלערס פּראָגראַם איז צו באקעמפען אידישע רעליגיע, ארויסטרייבען אידען

בערלין, פעב. 29, (איטא).

די ערשטע עלעקשאָן „ליטעראטור" וואס איז היינט ארויסגעגעבען געוואָרען, ווייזען, אז די פאשיסטישע „נאצי" פּראָגראַם איז דורך־און־דורך אן אנטי־אידישע, און עס ווערט דאָרט קלאָהר געמאכט וואס די אידישע צוקונפט וועט זיין אויב היטלער זאָל דערוועהלט ווערען אלס פּרעזידענט.

ערשטענס איז א איד ניט קיין בירגער נאר אן אויסלענדער אין דייטשלאנד, ווערט געזאָגט אין דער פּראָגראַם. צווייטענס, וועט א אידען ניט דערלויבט ווערען צו פארנעהמען אן אמט ביי דער רעגירונג אדער מוניציפּאַליטעט. דריטענס, וועט די רעגירונג, צום אלעם ערשטען זיך זאָרגען פאר די לעבענס־באדערפענישען פון איהרע בירגער אויב עס וועט זיין א דוחק אין שפּייז, דאן וועלען אלע אידען ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד. פערטענס, וועלען תיכף ארויסגעשיקט ווערען אלע אידען וועלכע זענען אריינגעקומען קיין דייטשלאנד נאָך 1914. פינפטענס, וועט פארבאָטען ווערען פאר אידישע רעדאקטאָרען צו מיטארבייטען אין אנדערע צייטונגען. זעקסטענס, וועט געגעבען ווערען פולע פרייהייט פאר דער קריסטליכע־רעליגיע און די אידישע וועט באקעמפט ווערען, ווייל זי איז מאַטעריאַליסטיש. זיבעטענס, וועלען געמאכט ווערען אַגראַרע רעפאָרמעס דורך דעם וואס עס וועט קאָנפיסקירט ווערען דאס לאנד פון אידישע לאנד־באזיצער און זייערע וואוינונגען אין די קלענערע שטעדט.

בערלין, פעב. 29.

אַדאָלף היטלער האט געלאָזט רופען אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען צו זיך אין קייזערהאָף האָטעל, צו פּראָטעסטירען געגען דעם וואס זיינע געגנער הערען ניט אויף צו סטראַשען, אז אזוי שנעל ווי ער וועט דערוועהלט ווערען וועט טעראָר און אומגליק קומען אויף דייטשלאנד, און אז דייטשלאנד'ס אויסערן־פּאָליטיק און אויך די אויסלענדישע קרעדיטען וועלען געשעדיגט ווערען.

היטלער האט דערקלעהרט פארקעהרט, אז מיט זיין דערוועהלונג וועלען בעסערע אויסלענדישע באציאונגען איינגעשטעלט ווערען, און די לאַגע אין לאנד גופא וועט פארבעסערט און סטאַביליזירט ווערען.

היטלער האט געוויזען א קאָפּיע פון זיינעם א בריעף וואס ער האט צוגעשטעלט צו פּרעזידענט הינדענבורג, וואו ער פּראָטעסטירט געגען די „פארלוימדונגען" אויף זיין חשבון.

דערווייל איז נעכטען צוגעמאכט געוואָרען אויף א וואָך צייט דער פאשיסטישער אָרגאַן אין בערלין „דער אנגריף". די צייטונג איז צוגעמאכט געוואָרען דערפאר ווייל הינדענבורג איז דאָרט שטארק אטאקירט געוואָרען.

שרה לעהרער ע״ה

(די מוטער פון עלקע שווארץ ע״ה)

84 יאהר אלט, פון 229 קראָופאָרד סטריט, איז נעכטען געשטאָרבען.

די לויה וועט זיין היינט 12 א זייגער מיטאָג צייט, פון דער פארשטאָרבענער'ס היים, צום בית עולם פון די אגודת אחים.

פריינט, באקאנטע און פּאָמורענער לאנדסלייט זענען געבעטען צו קומען צו דער לויה אפּגעבען דער פארשטאָרבענער דעם לעצטען כבוד.

די פארשטאָרבענע לאָזט איבער א זוהן מאיר לעהרער, א טאָכטער אין אייראָפּא, 14 אייניקלאך אין טאראנטאָ און 10 אור־אייניקלאך.

די נייע טעלעפאָן נומערן פון „אידישען זשורנאל" זיינען: ערעלייד 7424 און ערעלייד 7425

Monday, February 29th,
STANDAR
6950 איז : ווייווערלי
2־טע וואך
טען מארץ
2 פאר איינס
X
פוילען"
STANDAR

DUC
THEATRE
און מארגעס
POW

די
יעלאו
שיקעט
מיט עליסא לאנדי
„דער דרייפוס
פּראָצעס"

אויפ'ן גליטשיגען וועג

א שפאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען איבער דעם ים

געשריבען פון פארפאסער פון „אונטערוועלט"

מארק סארדעל

(נאכדרוקען פארבאטען.)

(פארזעצונג)

— **וואס** רעדסטו, סאניע? — האט סעם ארנאלד אויסגערופען אזוי ווי באַלײדיגט — וואס מיינסטו, מיין זוהן וועט דיך אזוי שנעל פארגעסען? אלע געדענקען מיר דיך... אפילו מיין מאריע דערמאנט דיך אפטמאל און פרעגט אויף דיר, און דאלי געדענקסט אלי'ן?

סאניע'ס פנים האט זיך פארוואלקענט, ניט אזוי צוליעב דאלי'ס נאמען, ווי צוליעב מאריע'ס. זי האט וועגען זיי ניט געוואלט רעדען. יא, זי געדענקט דאלי'ן. אודאי געדענקט זי זי. זי ווייסט אפילו, אז דאלי טאנצט אין א קאבארעט. זי וואלט געזונגען אויך, קען זי ניט זינגען. טאנצט זי... יא, זי ווייסט עס סאניע... אבער עס ארט זי ניט צו דאלי פרעגט אויף איהר, אדער ניט. עס ארט זי ניט צי מאריע פרעגט אויף איהר, אדער ניט. זי וויל פארגעסען יענע מענשען. זי וויל פארגעסען יענע צייט, וועלכע איז געווען אזוי שעהן און אזוי שמערצליך צוזאמען... אבער עדי... עדי איז עפעס אנדערש. עדי האט אמאל גע־מיינט אזוי פיעל פאר איהר. איהרע אויגען האבען זיך פארנעבעלט פון א לייכטער טרעהר.

— אז איהר וועט איהם שרייבען, גריסט איהם פאר מיר. — האט סאניע געזאגט און האט איהם געגעבען די האנט צום אפשיר.

סעם ארנאלד האט אנגענומען איהר האנט און האט ,ווייזט אויס, ניט געהאט קיין חשק זי אזוי שנעל ארויסצולאזען פון זיינער.

— און דו וואס מאכסטו? — האט ער געפרעגט שוין צום וויפילסטען מאל — וואס טוסטו דא? א דינסט, הא?

סאניע איז רויט געווארען פון דער פראגע. אזוי ווי דאס ווארט דינסט וואלט זי מורא'דיג באליידיגט. זי האט גע־פיהלט ,אז זי איז דא אין הויז מעהר ווי א דינסט, אבער זי האט געטראכט אז עס וועט זיין בעסער וואס ווייניגער צו רעדען מיט סעם ארנאלד. זי האט ניט גע־וואלט ,אז אימיצער זאל וויסען, אז סעם ארנאלד קען זי.

אבער זי האט זיך געכאפט צו שפעט. און ווען זי איז אריינגעקומען צוריק אין הויז, האט די מאדאם זי גענומען אויפ'ן פארהער:

— וואס־זשע, עפעס אן אייגענער דיינער?

סאניע האט צום אנהויב ניט פאר־שטאנען וועמען זי מיינט, און זי האט גאנץ ערנסט געקוקט אויף דעם מאדאם און געפרעגט:

— וועמען מיינט איהר?

— אט דעם דאזיגען, דעם בוטלעגער מיין איך — האט מאדאם האלצמאן גע־זאגט — איך האב געזעהן איהר האט אזוי פריינדליך גערעדט, און ער האט דיך אזוי שטארק געקוועטשט ביי דער האנט.

סאניע איז רויט געווארען. זי האט אויף דעם ערשטען מאמענט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. זי האט זיך, אבער באלד געכאפט, אז דאס שווייגען קען נאך זיין פיעל ערגער ,האט זי אויף גיך ארויס־געשטאמעלט און האט געזאגט:

— איך... איך קען איהם שוין פון לאנג.

— אזוי? — האט די מאדאם גע־זאגט, אזוי ווי די גאנצע זאך וואלט זי ניט אינטערעסירט — אבי איך האב גע־מיינט ער איז אן אייגענער דיינער.

— ניין, ניין... ניט קיין אייגענער...

— האט סאניע שנעל געזאגט און האט זיך געוואלט אוועקדרעהען, כדי אויסצו־מידען ווייטערדיגע פראגען.

— האסט אלץ איבערגענומען ביי איהם? — האט די מאדאם ווידער גע־פרעגט.

— אלץ איבערגענומען — האט סא־ניע געענטפערט מיט אומגעדולד.

די מאדאם האט געוואלט נאך עפעס פרעגען, נאר אין דעם מאמענט האט געקלונגען דער טעלעפאן ,און זי איז גע־ווארען ביזי.

קאפיטעל צוואנציג־אכט.

א נייער פארשוין

א גאנצען טאג האט סאניע ניט גע־קענט פארגעסען די באגעגעניש מיט סעם ארנאלד. עס האט זי אי געפרעהט, אי גע־שמערצט. עס האבען זיך אפגעפרישט אין איהר הארצען אלטע וואונדען, וועלכע האבען שוין געהאט אנגעהויבען צו פאר־היילען זיך, און עס זענען ווידער ארויס־געשוואומען פאר איהר בילדער און גע־שטאלטען, וועלכע זי האט שוין געהאט אנגעהויבען צו פארגעסען. דערצו האט זי זיך געפיהלט אביסעל אומבאקוועם דערפון וואס מר. האלצמאן האט זי גע־זעהן רעדענדיג אזוי אינטים מיט דעם בוטלייגער. וואס פאר א מיינונג קען די פרוי האבען וועגען א מיידעל וואס פיהרט באקאנטשאפט מיט אזא מענשען? אבער זי האט זיך באמיהט ניט צו טראכטען וועגען דעם.

אין הויז זענען דערווייל ווייטער אנ־געגאנגען די פארבארייטונגען צו דעם מארגענדיגען יום טוב פאר דעם יונגען דייוו. דייוו אליין האט אויך צוגעהאלפען. ער איז דעם גאנצען טאג ארומגעלאפען אין זיין נייער, גלאנציגער מאשין, פאה־רענדיג אין שטאדט און פון שטאדט, און אלע מאל מיטברייגענדיג זאכען, וואס די מוטער האט זיך דערמאנט, אז זיי פעה־לען איהר. אבער אלע מאל, ווען דייוו איז צוריקגעקומען מיט דעם לעצטען איינקויף ,און האט שוין געוואלט אוועק־שטעלען די מאשין אין גאראדזש, האט די מוטער ווידער זיך דערמאנט, אז עפעס פעהלט איהר, און דייוו האט ווידער גע־מוזט לויפען אין שטאדט.

אבער ענדליך איז דער פייערליכער טאג געקומען. ניט נאר די הויז און אלץ אין דער הויז, נאר אפילו דער דרויסען ארום דער הויז האט אויסגעקוקט יום־טוב'דיג. פון די מענשען אין דער רייכער האלצמאן הויז איז דאך שוין אפגערעדט. פון דעם באלעבאס, מר. האלצמאן, ביז דעם שווארצען, וואס האט ארויסגעהאל־פען אין קיך, האבען אלע צוויי שטונדען נאכאנאנד געשטאנען ביי דעם שפיגעל. האט אויסגעבונדען אין שניפס נאכ'ן צווייטען, און קיין איינער האט איהם, ווייזט אויס, ניט צופרידענגעשטעלט. אונ־טען אין הויז, איז שוין לודוויג געשטא־נען ביי דער טיר, אויסגעפוצט אין זיין פראק מיט די מעשענע קנעפ ,און אויס־געצויגען ווי א סאלדאט, ווארטענדיג אויף די געסט, און דייוו, ביי זיך אין צימער, איז נאך אלץ ניט געווען פארטיג מיט זיין טואלעט. דאס מאל האט אויך די קליינע בעטי זיך באטייליגט אין דעם יום טוב. עס איז געווען איהר ברודער'ס שמחה, און זי איז געווען אויסגעפוצט אין א נייער, בלויער דרעס מיט קורצע ארבעל, שעהן און רייצענד, און היבש עלטער ווי איהרע אמת'ע יאהרען זענען געווען.

(ווייטערעס קומט)

ביזנעסמאן... ארבעטער... הויזפרוי
אפיס אנגעשטעלטע... בעלי־בתים

דארפט איהר בעטען די, וואס קומען אריין צו אייך אין סטאר זיי זאלען דערצעהלען זייערע באקאנטע, אז ביי אייך באקומט מען...?

דארפט איהר געהן פון פעקטארי צו פעקטארי, און פון טיר צו טיר פרעגען אפשר דארף מען...?

דארפט איהר זיך פארלאזען אויף פריינט און באקאנטע, אז אויב זיי וועלען באגע־גענען אימיצען, וואס זוכט — וואס וויל — וואס האלט ביי...

דארפט איהר עפעס — זוכט איהר עפעס — פעהלט אייך עפעס — גוטע קאסטימער — ארבייט — א פלאץ, וואו מען קריגט עס ביליגער — בעסערע סחורה — אפשר א גוטען בעל מלאכה — ווילט איהר א הויז פארענטען — א הויז רענטען — קויפען — פארקויפען?

אן אדווערטייזמענט אין „אידישען זשורנאל" וועט עס אייך גע־בען מיט ווייניגער מיה און צו זעהר קליינעם קאסט. באזונ־דערס אונזערע קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס קאסטען ווייניג און ברענגען רעזולטאטען.

אדווערטייזט אין „אידישען זשורנאל"

TORONTO HEBREW
JOURNAL

542 DUNDAS WEST
PHONE: ADELAIDE 7424-7425

נייעס פון קיטשענער

שבת פ' תרומה האט אין קיטשענער געדאווענט דער חזן א. שטיינבערג פון וויניפעג. שוין לאנג, אז קיטשענער האט ניט געהאט אזא גוטען חזן אלס גאסט פאר א שבת. ער האט מיט זיין דאווענען ממש באגייסטערט די מתפללים. א חוץ וואס ער איז גוט באהאווענט אין דעם נוסח מתפלות טייטשט ער ממש אוים די תפלות דורך זיין זיסער נגינה א שטארקען איינדרוק האט געמאכט זיין אב הרחמים הוא ירחם עם עמוסים. עס איז אויסגעקו־מען ווי ער האט ממש געבעטען רחמים ביים רבונו של עולם פאר דאס אידיש לײדענדע אומה.

זונטאג האט ער געזאלט געבען קאנ־צערט אבער די אונטערהאלטונג פון די בני ברית, וועלכע איז פארגעקומען אין דעם זעלבען אויפדערנאכט אין דער „וואל־פער הויז" האט געשטערט, און דער חזן א. שטיינבערג האט בלויז געדאווענט מעריב.

אויפדערנאכט איז דער חזן דער שרייבער פון די שורות און נאך אנדערע געסט געווען איינגעלאדען ביי מר. נ. ארזי, וואו מען האט זיך ביי א גלעזעל טיי פיין אונטערהאלטען, הנאה האבענדיג פון די פארשיידענע חסידישע און פאלקס לידער, וועלכע דער חזן האט געזונגען.

ה. בערניקער.

עס קען נאך ערגער זיין

מר. היקס: — מיין פרוי קען אפ־ריידען שטונדען לאנג וועגען איין איינ־ציגער זאך.

מר. וויקס: — זינדיגט ניט, מר. היקס מיין פרוי קען ריידען שטונדען לאנג ווע־גען גאר ניט!

היט אייערע געזונט

פונקט ווי וויכטיג עס איז א גוטער דאקטאר, איז נאך וויכטיגער, אז די פרעסקריפשאן וועלכע דער דאקטאר גיט זאל ריכטיג געמאכט ווע־רען פון א קאמפעטענטען דראגיסט.

ראטבארט

דער ראיעלער דראגיסט.

טעלעפאנירט אונז. מיר שיקען נאך אייער פרעסקריפשאן און דעליווערען, ניט אכטענדיג אין וועלכען טייל פון שטאדט איהר וואוינט.

מעסיגע פרייזען.

שנעל, ראיעל, פינקטליך.

ראטבארט'ס דראג סטאר

קארנער דאנדעס און אגוסטא עוועניו.

נייער טעלעפאן:

עדעלייד 6201

676 קווין סטריט וועסט

עדעלייד 2800

מואווינג סייל

קאפלאנ'ס הארדוועיר סטאר,

קארנער קאלעדזש און בראנזוויק. אלעס מוז פארקויפט ווערען, ביליג. מיר מופען אין 417 דאנדעס סטריט וועסט. מיר ווילען סאקריפייסען דעם סטאק און קריגען קעש. עס איז שוין פאר פסח, קענט איהר א סך סייפען קויפענדיג יעצט טעפ, טעלער, גלעזער, פיינט, ווארניש, פלאר וואקס, עלעקטריק לעמפס, רופינג פייפער, $1.20 א ראל און העכער. מיר זענען אויך גרייט איבערצוגעבען די גאנצע ביזנעס מיט א גזאלין פאמפ. סאקריפייסענד. קומט צו 352 קאלעדזש סטריט.

118)

א. וו. טאלצעס

אגענט פאר „מארגען זשורנאל", „טאגעבלאט", „אמעריקאנער" איז יעצט אין שטאדט טאראנטא צו קאלעקטען פאר די אויבענדערמאנטע צייטונגען.

מיין פארלאנג פון אונזערע גוטע סובסקרייבערס איז, מיר ניט אויפצוהאל־טען מיט די צאהלונגען. אורזאכע צוליעב מיין שוואכען געזונט, לא עליכם. דאנק איך יעדען פאר דער געפעליגקייט מיט'ן וואונש פון כל טוב.

איך נעהם אן אלע אנגעלעגנהייטען ווי נייע סובסקרייבערס א. ז. וו.

מיין וואוינונג איז אין פארד האטעל רום 1051.

אקאונטענט־בוקסיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט, אדער אודיטען פאר מעסיגע פרייזען.

אינקאם טעקס רעטורנס פיילד.

א. א. גאלדענבערג

75 האמוואוד דרייוו

הילקרעסט 7504W.

היי און האבער

צו די ביליגסטע פרייזען אין שטאדט. אויך גרויסער סטאק בוריקעס און מערען, זעהר ביליג. ריליייעבל פראדוס. 352 באטהורסט סטריט. ערלייד 2941, און טריניטי 5774

9471־3־4)

קאנגא
מעדיצינען

לייזט איהר פון עקזימא, הויט ־ קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא ־ סעוו. לייזט איהר פון רהומא־טיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאנ־גא, לינימענט. צו באקו־מען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שי־קען ביי מעיל, אלס פריי.

SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512

לייזט איר פון א ברוך?

(ראפטשורד)

א גוטע טראס און גוט צוגעפים, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברי־דער, זיי זיינען די איינ־ציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ.

צו פארקויפען

צו פארקויפען, 48 הונדערט דאלאר, סאליד בריק, דיטעטשט הויז, הארדוואוד פלארס, גאראדזש. גרויס און קאלעדזש סעקשאן, מיט קענוויק, טעלעפאן טריניטי 0965 עס.

103)

צו פארקויפען א גרויסע פרוכט און וועדזשעטייבעל סטאר מיט פיקסטשורס און וואוינונג, בעסטער ספאט אויף קא־לעדזש סטריט. פרעגען 286 קאלעדזש. אורזאכע פארלאזט די שטאדט.

110)

איבערצוגעבען דעליקאטעסען, קאנ־פעקשאנערי און גראסערי סטאר מיט רומס. 264 קווין איסט.

64)

צו פארקויפען א טאלידא סקייל, 24 פונט ,גוט ווי ניי, אויך א נייישאנעל קעש רעדזשיסטער, זעהר ביליג. פרעגען 12 קענזינגטאן עוו.

111־3־2)

צו פארקויפען א גוט געהענדע גראסערי אדער צו פארענטען. 10 קענזינגטאן עוו.

116־3־3)

דער בארימטער רעדנער, מר. פרידמאן מאכט באקאנט מיינע פיעלע קאסטימער, דאס איך האב ערהאלטען א גרויסען סטאק דיימאנדס, גרויסע בארגיינס. טעלעפאן טריניטי 0766 עס.

119־3־2)

צו פארענטען

צו פארענטען 2 שעהנע רומס, דזשע־ניטאר סערוויס, הייסע וואסער א גאנץ יאהר. 233 A בארדען סט. וויוועלי 6918.

107־3־2)

צו פארענטען אן אפ־טו־דייט פלעט פון 3 אדער 4 רומס און סאן רום, גא־ראדזש. 36 ראשהאלם דרייוו.

117־3־2)

צו פארענטען מענינג, נארט אויף קאלעדזש, באהייצטען לאוער דופלעקס, אלע קאנוויניענס, גאראדזש. גלייך אריינ־צומופען. אויך א באהייצטען דופלעקס מארקהאם, נארט פון קאלעדזש. ליידיג דעם ערשטען אפריל. פרעגען טעלעפאן טריניטי 3776.

122)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, 146 ביטרים סט. טעלעפאן טריניטי 2895 עס.

71)

פייפערהענגינג און פיינטינג

פאר בעסערע ארבייט אין פיינטינג און דעקארייטינג, ביליגסטע פרייזען, בעסטע צופרידענהייט. — טעלעפאנירט שארפ און קא. וויוועלי 7261.

67־3־4)

פיינטינג, פייפער הענגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום, מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.



חזן ב. זולאדאווסקי

סיניעניש געשולטער סוירדושען

מוהל

— אויך —

מארגענע מסדר קדושין

סוירוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו. טעלעפאן קינגסדייל 8832

ארימע אומזיסט.

פארלאנגט

ערשט־קלאסיגער דייטשער פיינטער און פייפערהענגער. טריניטי 7909.

120־3־2)

פארלאנגט א שטארקען עקספיריענסד מאן ארומצוגעהן ארום אן אינוואליד. מרס. וויים, 593 יוראן סטריט.

112)

פארלאנגט א פרוי פאר הויז ארבייט, זאל אויך קענען גוט קאכען. מעג זיין א גרינע. פרעגען צווישען 7 און 8 אווענט, טעלעפאן מעלראז 6826.

109־3־2)

פארלאנגט א מיידעל צו אכטונג געבען אויף א קינד, און אויך לייכטע הויז אר־בייט. פרעגען 313A יאנג סטריט.

113)

פארלאנגט עקספיריענסד פינישערס אויף ליידים סוטס. פרעגען פיפט עוועניו קלאוק קא., 197 ספעדיינע עוו.

761)

יונגער דייטשער מאן פארלאנגט ארבייט ביי קארפענטינג, רעפייר אדער פיינטינג. טעלעפאנירט עלגין 5815.

114)

דייטשע פרוי זוכט אלערליי הויז אר־בייט 25 סענט א שטונדע. פרעגען 123 עלם סטריט. עלגין 8635.

115)

5 דאלאר 5 דאלאר

פייפערהענגער און פיינטער

פאר 5 דאלאר א רום פייפערען מיר אויס אייערע רומס מיט די לייטעסט דעזיין. אויך מאכען מיר פעינטינג, קראפטעקס בלענדינג ביליג. רופט גלייך אפ טעלעפאן טריניטי 7304W. עסטי־מייטס פריי.

4560־3־10)

פאטראניזירט די איינציגע אידי־שע ווינדאו קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאַ־כען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלע־פאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטען טריניטי 8520M

NEW YORK
WINDOW
CLEANING CO.
427 BAY ST

חפצ'ס
„טארגסין"
ארדערס אויף פסח
ווערן טעלעגראפירט

צו וואס שיקען טארגסין ארדערס, ווען מיר טעלעגראפירען עס פאר 25 סענט? ביליגסטע פרייזען אין שטאדט.

חפצ'ס שיפס קאנטאר

דעליווערט מיט פולער גאראנטיע

פסח'דיגע שפייז פעקלאך

(מצה, מעהל, צוקער)

„טארגסין" פעקלאך, אויך דאלארן איבעראל טעלעגראפיש בלויז 25 סענט

1000 צופרידענע קאסטימער!

הונדערטער אונטערשריפטען!

קומט אדער טעלעפאנירט:

חפצ'ס שיפס קאנטאר

DOMINION TICKET OFFICE
143 QUEEN ST., WEST
ADELAIDE 5971

אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינ־ציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א

אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.

(לעבען ספעדיינע)

אפען ביז 9 אוהר אין אווענט

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

ב ר י ע ף

(פארזעצונג פון פיירוש 4.)

אז דער גאנצער טאג איז אין גאר ניט אוועק. "דער טאג וואס איז קיין בריעף ניטא — פלעגט זי טראכטען — איז גארוועלט און דארף ניט אין לעבען איינגערעכענט ווערען". מיט מידע לאנגזאמע טריט פלעגט זי זיך קוים, קוים צום צימער דערשלעפען, שטילערהייט אין בעטעל אריינוואַרפען זיך און בלייבען פארזונקען אין איהרע גיהנום'דיג מאטערנדיגע מחשבות...

* * *

דער טאג איז פאר איהר זעהר א שווערער געווען. די פריהערדיגע נאכט האט זי כמעט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט, צוליעב די ווילדע געדאנקען וועלכע האבען זיך איהר אין מוח געפלאָנטערט. זי האט זיך מיט איהר גאנצען וועזען אהיים געצויגען, צו דער זיסער, ליעבער און טייערער היים פון וועלכע זי וואלט איצטער יעדער שטיינדעלע הארציג געקושט. עס וואלט זיך איהר אזוי וועלען זיין לעבען איהר פארעלטערטער מאמען, לעבען איהר שטערנגען — אבער דאך איבערגעגעבענעם טאטען. זיי אליין, האט זי געטראכט, זיינען נאר בכוח צו לינדערען איהר פארוואונדעט הארץ. גזלניש שניידענד איז פאר איהר געווען די באַהויפטונג אז זי קען צוריק אהיים ניט פאהרען. א גאנצע נאכט האט זי זיך אזוי געפייניגט אין איהרע פינסטערע געדאנקען. אויפ'ן פארטאג איז זי אריינגעפאלען אין אן אומרוהיגען אפגעהאקטען דרעמעל און אינדערפריה ווען איהרע מיט קווארטיראנטקעס האבען איהר צו דער ארבייט אויפגעוועקט, האט זי זיך קוים, קוים פון בעט אויפגעהויבען. זי האט זיך געפיהלט ווי נאך א שווערער קרענק. ווען ניט דער באוואוסטזיין, אז אויב זי וועט דעם טאג ניט ארבייטען, וועט זי ניט האבען ווי אזוי איהם דורכצולעבען, וואלט זי צו דער ארבייט ניט געגאנגען. די נויט אליין האט איהר היינט אין פאבריק געטריבען. מיט די לעצטע כחות האט זי זיך ביים מאשין געזעצט. זי איז געווען זעהר שוואך און געדאכט האט זיך איהר אז עס פעהלט איהר אוים לופט צו אטהעמען. די פאבריק לופט איז געווען צו שטיקענד פאר איהר זי האט געמיינט אז זי וועט עס ניט אויסהאלטען. די עראינערונגען פון דער היים האבען איהר רוהען ניט געלאזט. זי האט זיך פארגעשטעלט ווי איהר מאמע האט אויסגעזעהן ווען זי האט איהר געשריבען אז זי קען אהיים קומען, אז נאט וועט העלפען און אז זי איז איהר חלילה ניט איבעריג...

דער מאמעס פארגעשטעלטער אויסזעהן האט איהר אנגעהויבען צו ציהען צו זיך... מאמע! מאמע! האט זי שוין געוואלט אויסשרייען נאר איהר שכנ'טע האט איהר אויפגעוועקט פון אירע געדאנקען באמערקענדיג אז זי וועט היינט גאר ניט מאכען. זי האט זיך ארומגעקוקט וואו זי איז און אנגעהויבען לאנגזאם צו נייען. דער מאמען האט זי שוין מעהר ניט געקענט זעהן. זי האט אבער ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען א בריעף פון דער היים. זי האט אזוי פיעל געבענקט נאך דעם אז איהר האט זיך געדאכט אז אלץ אין פאבריק — דער זינזאנ פון די מאשינעס, וועלכער גיסט זיך צונויף מיט די שטומע בענקענדע נגונים פון די ארבייטארינס — זינגט ב־ר־ר־יעף, ב־ר־ר־יעף...

זי האט נאך פאר די גאנצע פיער חדשים וואס זי איז אין קובא קיינמאל אזוי אומגעדולדיג ניט געווארט אויפ'ן פאבריק פייף ווי היינט. און ווען דער לאנג ציהענדער פייף האט זיך ענדליך דערהערט איז איהר פוסטקייט און שרעק מיט אמאל אויסגעוואקסען, גרעסער געווארען. וואס מעהר זי האט זיך אהיים דערנעהענטערט אלץ מעהר איז איר שרעק געוואקסען. "טאמער איז קיין בריעף ניטא", האט זי געטראכט און אנגעהויבען צו געהן לאנגזאמער.

מיט פולען ציטער איז זי צו דער ענקארגאדעס טיהר צוגעגאנגען און מיט א זעהר שוואכען קול האט זי געפרעגט: "איי קארטאס?" "נא, נא איי" (ניין עס איז ניטא) האט איהר די ענקארגאדע מיט גרויס מיטגעפיהל געענטפערט און דערזעהענדיג איהר קאנוואלסיווו פארקרימטען ציטערדיגען פנים האט זי איהר געוואלט אפהאלטען און טרייסטען איהר אביסעל. מירל האט שוין אבער קיין זאך ניט געהערט. אבל'דיג איז זי פון איר אוועק און מיט אן אראפגעלאָזענעם קאפ אויף די טרעפ אנגעהויבען צו ציהען צו זיך. אין שטוב האט זי ניט געוואלט אריינגעהן. וועלענדיג בלייבען אליין איז זי אויפ'ן דאך ארויף. דער שטאדטישער טומעל פון אונטען האט איהר אויפ'ן דאך גארניט געשטערט. ארום און ארום האט א טויטע שטילקייט געהערשט. די לעצטע רויטע שטראהלען פון דער טראפישער זון האבען אנגעהויבען איינציגווייז צו פארשווינדען און פון מיטען דעם קלאָהרען אויסגעלייטערטען הימעל האט זיך אדורכגעשניטען א יונג רונדע לייכטענדע לבנה. מירעל האט זיך קוים אן וועגטעל אנגעשפארט און איז זיך אין א שטילען הארץ־רייסענדען געוויין פארגאנגען...

שכנים ריידען

"איך בין באשעפטיגט אין א טעאטער און עס איז א פראבלעם צו קענען דורכקומען מיט אלעם, ווייל איך העלף צו אויפהאלטען מיין מוטער און שוועסטער. איך האב ליעב צו קליידען זיך שעהן אבער איך האב ניט גענוג צו אויסגעבען אויף קליידער. כדי צו געבען א שטיקעל ענדערונג פאר דעם אויסזעהן פון מיין ארימער ווארדראב, בייט איך די קאלירען פון מיין קלייד אדער זאקען אזוי שנעל ווי זיי פארלירען זייער גלאנץ. איך נוץ שטענדיג דיימאנד דאיס פאר דער ארבייט — נוצענדיג זיי אלס פארב פאר דרעסעס און אלס "טינטס" פאר זאקען. איך האב שטענדיג געקראגען אזעלכע פערפעקטע רעזולטאטען, אז אונזערע שכנים ריידען וועגען דער גרויסער צאל נייע זאכען וואס איך האב.

"איך האב אויסגעפונען וועגען דאימאנד דאיס פון אונזער ווארדראב אויפזעהערין. זי זאגט, אז זי האט פרובירט אלע פארבען אויפ'ן מארק אבער קיינע טוען ניט אזעלכע אויסגעצייכענטע ארבייט און זענען אזוי לייכט צום נוצען ווי די דאימאנד דאיס. איך פארשטעה אז זיי זענען די פאפולערסטע פארבען אין דער וועלט — און זיי פארדינען עס".

ל. פ. מאנטרעאל.

קיעווער'ס קעש פוירנישור סייל

אייער גרעסטע געלעגענהייט. איינצושפארען פון 25 ביז 40 פראצענט פון די וואונדערבארע מציאות אין קעש

טשעסטערפילד סעטס — רעגולאר $195.00 פאר $95.00

בעדרום סעטס — רעגולאר $169.00 — — — פאר $69.50

טשעסטערפילד סעטס — רעגולאר $450.00 — פאר $275.00

האנט קארווד פריים

אויך נייעסטע סטיילס דיינינג רום סעטס

קומט און זעהט אליין דעם אויסערגעוועהנליכען פארניטשור סייל אין שטאדט.

עס איז דא בלויז איין קיעווער סטאר

קיעווער פארניטשור קא.

452 ספעדיינע טעלעפאן טריניטי 0706

אפען אין אווענט. קיינע בראנטשעס.

FRY'S
PURE BREAKFAST
COCOA
J.S. FRY & SONS L.
BRISTOL & MONTREAL
עד דארף די עקסטרא נארונג וואס פריי'ס קאקא גיט

מיט וואס באזארגט איהר אייער קינד פאר די געפערליכע מאנאטען, וואס קומען אן? עס קומט קעלט און נעץ, און נאך שפעטער, רעגען און שניי צו באַקעמפען. פריי'ס קאקא איז דער קלוגער מוטער'ס ענטפער. באטראכט נאר — די ענערגיע געבענדע קראפט פון פריי'ס איז צוויי מאל מער ווי פון גוטען מאגערען פלייש! פריי'ס איז די קאקא מיט'ן שאָקאלאד טעם — און דער עקאנאמישסטער שפייז געטראנק, וואס איהר קענט קויפען.

J. S. Fry & Sons (Canada) Limited, Montreal, Que.

שרייבט פאר פרייעם רעסיפי ביכעלע.

געמאכט פון דער עלטסטער קאקא און שאקאלאד הויז אין דער וועלט

הערי פישעל גיט פרייע אפיסעס פאר'ן ישוב הישן קאמפיין

די פארטרעטער אין ניו יארק און לאנד.

איבערן לאנד, פון די פארשידענע אינסטיטוציעס פון דעם אלטען ישוב אין ישראל וועלען זיך ווידמען מיט זייער גאנצער ארגאניזאציאנס מאשינערי אין פארבינדונגען פאר דעם ערפאלג פון קאמפיין, וואס דאס ארטאדאקסישע אידענטום אין אמעריקא האט איצט אונטערגענומען, צו ראטעווען פון אונטערגאנג די מוסדות התורה והחסד אין ארץ ישראל.

די דאזיגע פארזיכערונג איז געגעבען געווארען צו די הויפט אנפיהרער פון דעם קאמפיין אויף א ספעציעלען מיטינג וואס זיי האבען אפגעהאלטען מיט די פארשטעהער פון אלע דערמאהנטע אינסטיטוציעס. זיי האבען געשטעלט צום פולען דיענסט פון דער קאמיטע אלע זייערע מיטווירקענדע מענשען און זייערע פארצווייגטע פארבינדונגען, צו ערמעגליכען א סיסטעמאטישען און ערפאלגרייכען קאמפיין - טעטיגקייט איבערן גאנצען ניו יארק.

די פארטרעטער פון די "ישוב הישן" אינסטיטוציעס האבען אויף דעם מיטינג זיך אנגעשלאסען אן די פארשידענע קאמיטעס פון דער קאמפיין ארגאניזאציע, און עס זיינען גלייך אויסגעארבייט געווארען פלענער ווי צו דערגרייכען אלע אידישע געמיינדען לטובת דער גרויסער אונטערנעהמונג.

אויף דעם מיטינג האט דער באוואוסטער אידישער כלל-טוער, מר. הערי פישעל, טשערמאן פון דעם קאמפיין, אנאנסירט אז ער גיט אפ אפיסעס מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען פריי, אין זיין אפיס בילדונג אויף 5־טע עווענו. אלע העדקווארטערס פאר דעם דרייוו, פאר אזוי לאנג ווי עס וועט זיין נויטיג.

די קאמיטע האט מר. פישעל'ן הארציג בעדאנקט פאר זיין ערשטען שעהנעם ביישטראג צו דעם קאמפיין. דער אפיס, ווי שוין אנאנסירט, איז אין 276 פיפטע עוו. ניו יארק.

דער פראגער יריד

פון אונזער דארטיגען קארעספאנדענט פ. לאנגשטיין.

בלי שום ספק וועט די פראגער מעסע זיין דער אינטערעסאנטסטער יריד, וועלכער וועט איצט אפגעהאלטען ווערען. נעהמענדיג אין באטראכט, אז די טשעכישע אינדוסטריע האט אין דער לעצטער צייט געטאן אלעם בכדי ניט פארדרענגט צו ווערען פונ'ם וועלט־מארק, וועט עס זיין אינטערעסאנט צו זעהן ווי אזוי די אינדוסטרי האט איבערגעארבייט איהר גאנצע פראדוקציע, בכדי צו האבען די מעגליכקייט הן מיט גוטער סחורה, הן מיט ביליגע פרייזען צו קאנקורירען מיט דער גאנצער וועלט.

אויפ'ן איצטיגען פראגער יריד וועט צום ערשטען מאל אפגעהאלטען ווערען אן אייגענע מעסע פאר האטעל און רעסטאראציעס, — יעדעס לאנד באמיהט זיך אריינצובאקומען וואס מעהר פרעמדע. עס ווייזט ארויס איהרע באזונדערע שעהנע מקומות, די נאטירליכע און קינסטלערישע אייגנארטען, וואס דאס לאנד פארמאגט. אודאי מוז מען האבען מעגליכקייטען פרעמדע מענשען אויפצונעהמען און זיי מכבד זיין מיט'ן בעסטען, ווי זיי זענען עס געוואוינט ביי זיך אין דער היים.

ס'איז קלאהר אז די אלע ביזיאיצטיגע האטעלען, אכסניות און גאסט־הויפען, וועלכע האבען געדינט פאר סוחרישע רייזענדע, מוזען געענדערט ווערען, ווי באלד ס'זאלען אהין קומען רייזענדע וואס וועלען האבען תענוג אויף דער רייזע.

אויפ'ן איצטיגען פראגער יריד וועט מען קענען זעהן ווי אזוי מען קען די אלטע האטעלען און רעסטאראציעס איבערארבייטען נאכ'ן מוסטער פון וועלט־האטעלס, בכדי יעדער זאל האבען א באגריף ווי אזוי ער זאל עס מאכען ביי זיך אין דער היים.

חוץ לזה וועט זיין אן אייגענע אויסשטעלונג "טיי און קאווע". די גרעסטע געזעלשאפטען ווערען איצט אויפגענומען בלויז צום טיי אדער צו א קאווע. דער גרעסטער און וויכטיגסטער טייל פון אונזער לעבען שפילט זיך דערביי אפ און ס'איז וויכטיג, אז ניט נאר האטעלען און רעסטאראנען, נאר אויך הויז־פרויען זאָלען אויף אלע אופנים וויסען, ווי אזוי דאס צו ארראנזשירען, אז יעדער זאל זיך פיהלען געמיטליך ביי א "גלעזעל טיי" — אויך די "עלעקטרישע קיך", וועלכע האט היינט הונדערטער מעגליכקייטען און דערלייכטערונגען פאר יעדער בעל הבית־טע, וועט דארט פארגעפירט ווערען אין אלע איהרע פרטים, און אזוי ארום וועט עס צוציהען דאס אינטערעס פון דער גאנצער אינטערנאציאנאלער וועלט, וואס וועט זיך צונויפקומען אויף דעם פראגער יריד, וואס הויבט זיך אן דעם 13־טען מערץ, היינטיגעם יאהר.

כינעזישע נייעס

טאק און ארום דער אזורי אייזענבאן, לעבען דעם צפון מאנדזשוריער טרעניי.

ער האט אויך באריכטעט, אז אלע אריינגאנגען אין וולאדיוואסטאק זענען פארשטארקט געווארען מיט שווערע ארטילעריע און מיליטערישע ערעפלאנען. נייע פעסטונגען ווערען איצט געבויט ארום דעם געגענט און טאג און נאכט קומען אן פרישע טראנספארטען פון אמוניציע, שפייז און מיליטערישע כלי־זיין.

ער באריכטעט ווייטער, אז צווישען די רוסען איז אנגענומען דאס א מלחמה צווישען רוסלאנד און יאפאן איז אונפארמיידליך, אויב ניט איבער מאנדזשוריע אין איבער די פישעריען. א סאוויעטישע יאדין פאבריק אין פארוואנדעלט געווארען אין א פאבריק פון גיפטיגע גאזען.

נייעס ביי אונז אין שטאדט

5 יאהריגע קינד טויט און 50 יאהריגער זיידע געפעהרליך פארוואונדעט פון אויפרייס

דער פינף יאהריגער פיטער דזשעקסאן איז טויט און זיין זיידע ראס דייוויס, 50 יאהר אלט, געפינט זיך נאך אלץ אין א קריטישען צושטאנד, אלס רעזולטאט פון אן אויפרייס, וואס איז פארגעקומען אין דער דייוויס וואוינונג, אויף 653 ראודס עווענו.

דער אויפרייס איז געשעהן, ווי מען גלויבט, ווען מר. דייוויס האט געוואלט מאכען א פייער אין קיך־אויווען מיט נאפט אדער גאזאלין. ווען פייערלעשער זענען אנגעקומען אויפ'ן פלאץ האבען זיי געטראפען דעם סטאוו באדעקט מיט אן אויילענער פליסיגקייט און רעשטלאך פון א בלעך זענען געווען צושפרייט איבער'ן צימער.

וועגען דער טראגעדיע האט מען זיך דערוואוסט, ווען שכנים האבען דערזעהן דעם אינגעלע ארויסלויפענדיג פון הויז שרייענדיג און זיינע קליידער זענען געווען איינגעהילט אין פלאמען. א שכנה האט מיט די בלויזע הענט אויסגעלאשען דעם פייער פון זיינע קליידער, אבער דאס קינד איז שוין געווען שטארק צוברענט.

אין הויז האט מען געטראפען דעם שטארק צוברענטען מר. דייוויס אין א פארזוך אויסצולעשען דאס פייער. ער האט נישט געוואלט פארלאזען דאס הויז ביז ער האט נישט ארויסגעטראגען זיין פרוי, וואס איז געלעגען קראנק.

די עלטערען פון קינד זענען אין שטאדט ניט געווען און האבען זיך דערוואוסט פון דעם אומגליק, ווען זיי זענען אין אווענט געקומען אהיים.

ארעסטירט צוליעב גלאז אויף זייני אקסעל

דער אכצעהן יאהריגער דזשעק סידעל פון דעלאווייר עווענו איז נעכטען ארעסטירט געווארען אויף עטליכע קלאגעס פון איינברעכען זיך אין הייזער.

אריינגעפאלען איז ער אין די הענט פון דער פאליציי צוליעב ברעקלאך גלאז אויף זיינע אקסעל. ער איז ארויסגעגאנגען פון א הויז, וואו ער האט זיך אריינגעקראגען דורך צוברעכען א שויב אין פענסטער, און ער האט דארטען גארנישט געטראפען. קיינער האט איהם נישט געזעהן אריינגעהן און ארויסגעהן. אין גאס איז ער אבער פארבייגעגאנגען פארביי א פאליסמאן. יענער האט באמערקט ביי סידעל'ן אויפ'ן מאנטעל ברעקלאך גלאז, האט ער איהם אפגעשטעלט און גענומען אויספרעגען.

די פאליציי זאגט, אז אין פאליס סטיישאן האט ער זיך מודה געווען אין 15 גנבות פון הייזער.

איך מאן האט זיך גערייצט מיט איר

אבער נישט לאנג!

"איך האב אנגעהויבען נעהמען קראשען זאלץ פאר קאפ־שווינדעל און פאר די לעצטע צוויי יאהר צייט בין איך געווען אינגאנצען פריי פון אטאקעס. איך נעהם זיי אויך יעצט, ווייל זיי האלטען מיך אין פולען געזונט. מיין מאן פלעגט חוזק מאכען פון מיין נעהמען קראשען זאלץ; יעצט נעהמט ער זיי שוין אליין, און אזוי אויך מיינע קינדער. מיין אויפריכטיגסטען דאנק". — מרס. דזשי. פ.

ווען אייער מאגען אדער פארדייאונגס זאפטען הערען אויף פליסען, איז אנשטאט אייער שפייז זאל איינגעזאפט ווערען פון אייער סיסטעם, קלייבט זיך עס און יוירט אין אייך, פראדוצירענדיג שעדליכע עסידס און גאזען, וואס שאפען קאפ־שווינדעל, הארצברענעניש און אנגעבלאזענקייט.

קראשען איז א קאמבינאציע פון זעקס זאלצען, וואס דערלאנגט זיך באלד צום ווארצעל פון אלע צרות. ערשטענס באַאיינפלוסט עס דאס פליסען פון די פארדייענדיגע און אנדערע זאפטען צו העלפען דער פארדייאונג, און דאן פארזיכערט עס פולען, רעגולערען און זיכערען דערווייטערען פון אפפאל יעדען טאג, און דאס מיינט א געבענשטער סוף צו קאפ־שווינדעל און א באַנייטע און פולהארציגע הנאה פון אייער שפייז אהן דער מינדסטער מורא פון דארפען באצאהלען די אלטע שמערצליכע שטראף.

קריגט מתנה פון ריכטער לכבוד זיין געבורטסטאג

דעם, וואס איז געבארען געווארען אום 29־טען פעברואר, איז זיכער נישט צו מקנא זיין. אז א מענש קען פייערען זיין געבורטסטאג בלויז איינמאל אין 4 יאהר, האט דער ריכטער נעכטען אין פאליס קאורט טאקע ארויס געוויזען זיין סימפאטיע צו אזא אונגליקליכען, וואס איז געבראכט געווארען פאר אנשיכורען זיך, און אפגעלייגט זיין שטראף אויף אן אומבאשטימטער צייט.

דער באשולדיגטער האט דערצעהלט, אז, אמת, לכבוד זיין זעלטענעם געבורטסטאג האט ער זיך נעכטען אנגעשיכורט, אבער ער איז שוין באשטראפט געווארען; ער איז אראפגעפאלען פון א סטריט קאר און האט זיך צוקלאפט דעם קאפ.

אפארטמענט הייזער וועלען מוזען האבען פייער אלארמס

אין א בריעף, וואס דער פייער מארשאל האט נעכטען צוגעשטעלט צו דער שטאדטישער לעדזשיסליישאן קאמיטע, איז ער מסכים מיט דער מיינונג פון פייער־טשיעף סינקלער, אז די שטאדט זאל דורך א ביי־לאו צווינגען אלע אפארטמענט הייזער צו באזארגט ווערען מיט פייער אלארמס.

לויט דער אלגעמיינער הסכמה צו דעם פלאן איז גאנץ ווארשיינליך, ער זאל אין גיכען אנגענומען ווערען און ווערען בינדענד פאר אלע אפארטמענט הייזער אין שטאדט.

דריי אינגלאך געבארען אין עיבור טאג אין טאראנטא

טאראנטא דזשענעראל האספיטאל, סט. מייקעלס האספיטאל און ווימען'ס קאלעדזש האספיטאל, יעדער פון זיי האט ביינעטראגען א נייעם קאנאדער בירגער צו דער צאל פון די, וואס האבען זעלטענע געבורטסטעג.

אלע דריי געבארענע אין טאראנטא דעם 29־טען פעברואר זענען אינגלאך און ווי מבינים זאגען, גאנץ פיינע און געזונטע דערצו. נאר זייער ערשטען געבורטסטאג וועלען זיי פייערען נעבאך ערשט אין פיער יאהר ארום.

יונגע פרוי ווערט פלוצלונג קראנק און שטארבט

מיס אליוו גארעט, 26 יאהר אלט, איז זונטאג אוונט געבראכט געווארען אין סט. מייקעלס האספיטאל, ווען זי האט פלוצלונג זיך דערפיהלט שלעכט אין דער היים.

זי איז נעכטען געשטארבען. דאקטוירים דערקלעהרען, אז זי איז געשטארבען פון א הארץ פעלער.

נייער אפאראט באנוצט אין אויסלעשען פייער

אין א שרפה, וואס האט אויסגעבראָכען אין דער עמפרעס שוה קאמפאניע, אויף 152 וועלינגטאן סטריט, איסט, האבען די פייערלעשער באנוצט דעם ערשטען מאל א נייעם אפאראט, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען זעהר נוצליך אין דעם פאל.

דאס פייער איז געווען באהאלטען צווישען דעם פלאר פון צווייטען און דער סטעליע פון דעם אונטערשטען שטאק. כדי אויסצולעשען דעם פייער, איז אויף דער רער, וואס שפריצט וואסער אנגעטאן געווארען אזא אפאראט, וועלכען מען האט אריינגעשטעקט אין א לאך פון פלאר און ער האט דאס וואסער געצילט וואו מען האט געדארפט, א זאך, וואס איז נישט געווען מעגליך אהן דעם.

דער שארען איז טאקע א דאנק דעם געווען נישט זעהר קיין גרויסער — 500 דאלאר צו דער געביידע און עטוואס צו סחורה.

וואודסווארט באדאנקט פועלי ציון - צעירי ציון פאר טעלעגראמע

דזש. ס. וואודסווארט, ארבייטער דעפוטאט אין קאנאדער פארלאמענט, האט צוגעשיקט פאלגענדען בריעף צו דער היגער פועלי ציון - צעירי ציון ארגאניזאציע אלס ענטפער אויף זייער טעלעגראמע:

פאראייניגטע אידישע סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי,
24 סיסעל סטריט,
טאראנטא, אנט.

"ווערטע הערען: —

"איך דאנק אייך זעהר פיעל פאר אייער טעלעגראמע וועגען דעם אפזאג פון דער רעגיערונג צו דערלויבען אונז אפילו פארצושלאגען דעם אמענדמענט צו סעקשאן 98. עס איז באזונדערס דערמוטיגענד צו באמערקען, אז איהר קלייבט זיך אויפצואוועקן די עפענטליכע מיינונג.

"איך זעה, אז ווי נאך קיינמאל פריהער מוזען מיר יעצט אנפיהרען אן אויפקלעהרונגס קאמפיין און נאכפאלגען עס מיט באשטימטער ארגאניזירונג, אז מיר זאלען האבען א גענוגענדע צאהל סאציאליסטישע און ארבייטער פארטרעטער אין פארלאמענט, כדי מיר זאלען קענען צווינגען וועלכע רעגיערונג עס וועט זיין אין מאכט צו אנערקענען אז זיי מוזען זיך רעכענען מיט אונזערע פאדערונגען.

אייער ערגעבענסט,

דזשיי. ס. וואודסווארט".

35 ארעסטירט ביי א הענער קאמף

טשאטאם, אנט. פעברואר 29.

צוויי פראווינציעלע פאליסלייט האבען דא איבערגעריסען א הענער קאמף אויפ'ן פארם פון דזשאהן דזשאזעף אין רייעלי טאונשיפ, און האבען פארצייכענט די נעמען פון 35 אנוועזענדע. געווען זיינען דערביי 125 פערזאן, אבער זיי זיינען אנטלאפען פון דער פאליציי איבער פעלדער.

די פאליציי האט פארכאפט די שלעגער, 25 הענער.

די ארענע פארן הענער קאמף איז געווען איינגעארדענט אין קיך אויף דזשאזעפס פארם. צווישען די וואס זיינען אויסגעפרעגט געווארען, האבען זיך געפונען אזעלכע וואס האבען אנגעגעבען אדרעסען אין מאנטרעאל, אטעווא, טשאטאם, דעטראיט, לימינגטאן, סימקאו און אנדערע.

קיין ארעסטען זיינען ניט געמאכט געווארען, אבער דער קראון אטוירני באטראכט צו מאכען קלאגעס נעגען די געפונענע.

ווילנע

(פארזעצונג פון פיירוש 4)

ספעציפישער, קנעכטישער "לאיאליזם". טאגבלאט "צייט", וואס געוועהנליך סימפאטיזירט עם מיט'ן ציוניזם, דרוקט איבער אן ארטיקעל פון פאלקיסט קאפלאן פון ביאליסטאק, וועלכער האט שוין בעת די לעצטע וואהלען געשטיצט די אזוי גערופענע לאקאלע ליסטע מיט א גראוויטאַציע צום רעגיערונגס לאגער. וועגען דער טראגעדיע פון אונזערע גאליציאנער דעפוטאטען, זיי האבען געקריצט מיט די ציינער, זיך געקארטשעט און וועהטאג צוליעב דער לאגע פון די אידען אין פוילען, צוליעב דערעגיערונגס פאליטיק לגבי אידען, אבער דאך האבען זיי ניט געקענט שטימען נעגען דער רעגיערונג. זיי האבען ניט געקענט צוליעב דער אחריות וואס ליגענט אויף זיי. איך האב מיר געקענט אויף דעם דאזיגען לוקסוס ערלויבען, מחמת איך טראג ניט קיין פאראנטווארטליכקייט. ווייל איך בין איינער אליין, אוים דעם גרונד מעג מען מיר מקנא זיין. נאר עפעס אנדערש זיינען מיטגליעדער פון דער קאלאַרמעהרהייט, ווי אונגליקליך זיי זיינען! וואס פאר א טראגישע פיגורען! ניט קענען שטימען נעגען דער רעגיערונג, בעת דאס בלוטענדע הארץ הייסט עס טאן, בעת די נשמה וואס איז צוואוילעטאנט איבערן אידישען גורל, רייסט זיך דערצו ממש.

די ווילנער אידישע צייטונג דרוקט איבער די דאזיגע פלוידעריען! און דאס אין א מאמענט, ווען עס עצדיירט זיך דער גורל פון די באשולדיגטע און אנגעקלאגטע אידען, און אפשר טאקע דערפאר?

וואס טוט זיך אין ווילנע? וואס איז געשעהן מיט ווילנע, דער ירושלים־דליטא?

(איטא)

אפיס טעלעפאן: עלגין 3641.
הויז טעלעפאן לאידברוק 4758.

לאיער נייטען פהיליפס קיי. סי.
און קאמפאניע
NATHAN PHILLIPS, K.C.
אימפעריאל באנק בילדינג
171 יאנג סטריט
קארנער יאנג און קווין סט.
אפיס שטונדען: פון 10 פריה ביז 6 נ. מ.

לאיערס גלעס און דיקלער
— פון —
GLASS - DICKLER & CO.
708 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיס.
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אויפ'ן גליטשיגען וועג

א שפאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען אויף דער זייט ים

געשריבען פון פראפעסאר פון „אונטערוועלט"

מארק סארדעל

(נאכדרוקען פארבאטען.)

(פארזעצונג)

— וואס רעדסטו, סאניע? — האט סעם ארנאלד אויסגערופען אזוי ווי באליידיגט — וואס מיינסטו, מיין זוהן וועט דיך אזוי שנעל פארגעסען? אלע געדענקען מיר דיך... אפילו מיין מאריע דערמאנט דיך אפטמאל און פרעגט אויף דיר, און דאלי געדענקסט אלי'ן?

סאניע'ס פנים האט זיך פארוואלקענט, ניט אזוי צוליעב דאלי'ס נאמען, ווי צוליעב מאריע'ס. זי האט וועגען זיי ניט געוואלט רעדען. יא, זי געדענקט דאלי'ן. אודאי געדענקט זי זי. זי ווייסט אפילו, אז דאלי טאנצט אין א קאבארעט. זי וואלט געזונגען אויך, קען זי ניט זינגען. טאנצט זי... יא, זי ווייסט עס סאניע... אבער עס ארט זי ניט צו דאלי פרעגט אויף איהר, אדער ניט. עס ארט זי ניט צי מאריע פרעגט אויף איהר, אדער ניט. זי וויל פארגעסען יענע מענשען. זי וויל פארגעסען יענע צייט, וועלכע איז געווען אזוי שעהן און אזוי שמערצליך צוזאמען... אבער עדי... עדי איז עפעס אנדערש. עדי האט אמאל געמיינט אזוי פיעל פאר איהר. איהרע אויגען האבען זיך פארנעבעלט פון א לייכטער טרעהר.

— אז איהר וועט איהם שרייבען, גריסט איהם פאר מיר. — האט סאניע געזאגט און האט איהם געגעבען די האנט צום אפשיד.

סעם ארנאלד האט אנגענומען איהר האנט און האט ,וויזט אויס, ניט געהאט קיין חשק זי אזוי שנעל ארויסצולאזען פון זיינער.

— און דו וואס מאכסטו? — האט ער געפרעגט שוין צום וויפילסטען מאל — וואס טוסטו דא? א דינסט, הא?

סאניע איז רויט געווארען פון דער פראגע. אזוי ווי דאס ווארט דינסט וואלט זי מורא'דיג באליידיגט. זי האט געפיהלט ,אז זי איז דא אין הויז מעהר ווי א דינסט, אבער זי האט געטראכט אז עס וועט זיין בעסער וואס ווייניגער צו רעדען מיט סעם ארנאלד. זי האט ניט געוואלט ,אז אימיצער זאל וויסען, אז סעם ארנאלד קען זי.

אבער זי האט זיך געכאפט צו שפעט. און ווען זי איז אריינגעקומען צוריק אין הויז, האט די מאדאם זי גענומען אויפ'ן פארהער:

— וואס־זשע... עפעס אן אייגענער דיינער?

סאניע האט צום אנהויב ניט פארשטאנען וועמען זי מיינט. און זי האט גאנץ ערנסט געקוקט אויף דעם מאדאם און געפרעגט:

— וועמען מיינט איהר?

— אט דעם דאזיגען, דעם בוטלענער מיין איך — האט מאדאם האלצמאן געזאגט — איך האב געזעהן איהר האט אזוי פריינדליך גערעדט, און ער האט דיך אזוי שטארק געקוועטשט ביי דער האנט.

סאניע איז רויט געווארען. זי האט אויף דעם ערשטען מאמענט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. זי האט זיך, אבער באלד געכאפט, אז דאס שווייגען קען נאר זיין פיעל ערגער ,האט זי אויף גיך ארויסגעשטאמעלט און האט געזאגט:

— איך... איך קען איהם שוין פון לאנג.

— אזוי? — האט די מאדאם געזאגט, אזוי ווי די גאנצע זאך וואלט זי ניט אינטערעסירט — אבי איך האב געמיינט ער איז אן אייגענער דיינער.

— ניין, ניין... ניט קיין אייגענער...

— האט סאניע שנעל געזאגט און האט זיך געוואלט אוועקדרעהען, כדי אויסצומיידען ווייטערדיגע פראגען.

— האסט אלץ איבערגענומען ביי איהם? — האט די מאדאם ווידער געפרעגט.

— אלץ איבערגענומען — האט סאניע געענטפערט מיט אומגעדולד.

די מאדאם האט געוואלט נאך עפעס פרעגען, נאר אין דעם מאמענט האט געקלונגען דער טעלעפאן ,און זי איז געווארען ביזי.

קאפיטעל צוואנציג־אכט.

א נייער פארשוין

א גאנצען טאג האט סאניע ניט געקענט פארגעסען די באגעגעניש מיט סעם ארנאלד. עס האט זי אי געפרעהט, אי געשמערצט. עס האבען זיך אפגעפרישט אין איהר הארצען אלטע וואונדען, וועלכע האבען שוין געהאט אנגעהויבען צו פארהיילען זיך, און עס זענען ווידער ארויסגעשוואומען פאר איהר בילדער און געשטאלטען, וועלכע זי האט שוין געהאט אנגעהויבען צו פארגעסען. דערצו האט זי זיך געפיהלט אביסעל אומבאקוועם דערפון וואס מר. האלצמאן האט זי געזעהן רעדענדיג אזוי אינטים מיט דעם בוטליינער. וואס פאר א מיינונג קען די פרוי האבען וועגען א מיידעל וואס פיהרט באקאנטשאפט מיט אזא מענשען? אבער זי האט זיך באמיהט ניט צו טראכטען וועגען דעם.

אין הויז זענען דערווייל ווייטער אנגעגאנגען די פארבארייטונגען צו דעם מארגענדיגען יום טוב פאר דעם יונגען דייוו. דייוו אליין האט אויך צוגעהאלפען. ער איז דעם גאנצען טאג ארומגעלאפען אין זיין נייער, גלאנציגער מאשין, פאהרענדיג אין שטאדט און פון שטאדט, און אלע מאל מיטברייגענדיג זאכען, וואס די מוטער האט זיך דערמאנט, אז זיי פעהלען איהר. אבער אלע מאל, ווען דייוו איז צוריקגעקומען מיט דעם לעצטען איינקויף ,און האט שוין געוואלט אוועקשטעלען די מאשין אין גאראדזש, האט די מוטער ווידער זיך דערמאנט, אז עפעס פעהלט איהר, און דייוו האט ווידער געמוזט לויפען אין שטאדט.

אבער ענדליך איז דער פייערליכער טאג געקומען. ניט נאר די הויז און אלץ אין דער הויז, נאר אפילו דער דרויסען ארום דער הויז האט אויסגעקוקט יום־טוב'דיג. פון די מענשען אין דער רייכער האלצמאן הויז איז דאך שוין אפגערעדט. פון דעם באלעבאס, מר. האלצמאן, ביז דעם שווארצען, וואס האט ארויסגעהאלפען אין קיך, האבען אלע צוויי שטונדען נאכאנאנד געשטאנען ביי דעם שפיגעל. האט אויסגעבונדען איין שניפס נאכ'ן צווייטען, און קיין איינער האט איהם, וויזט אויס, ניט צופרידענגעשטעלט. אונטען אין הויז, איז שוין לודוויג געשטאנען ביי דער טיר, אויסגעפוצט אין זיין פראק מיט די מעשענע קנעפ ,און אויסגעצויגען ווי א סאלדאט, ווארטענדיג אויף די געסט, און דייוו, ביי זיך אין צימער, איז נאך אלץ ניט געווען פארטיג מיט זיין טואלעט. דאס מאל האט אויך די קליינע בעטי זיך באטייליגט אין דעם יום טוב. עס איז געווען איהר ברודער'ס שמחה, און זי איז געווען אויסגעפוצט אין א נייער, בלויער דרעס מיט קורצע ארבעל, שעהן און רייצענד, און היבש עלטער ווי איהרע אמת'ע יאהרען זענען געווען.

(ווייטערעס קומט)

נייעס פון קיטשענער

שבת פ' תרומה האט אין קיטשענער געדאוונט דער חזן א. שטיינבערג פון וויניפעג. שוין לאנג, אז קיטשענער האט ניט געהאט אזא גוטען חזן אלס גאסט פאר א שבת. ער האט מיט זיין דאווענען ממש באגייסטערט די מתפללים. א חוץ וואס ער איז גוט באהאוונט אין דעם נוסח מתפלות טייטשט ער ממש אויס די תפלות דורך זיין זיסער נגינה א שטארקען איינדרוק האט געמאכט זיין אב הרחמים הוא ירחם עם עמוסים. עס איז אויסגעקומען ווי ער האט ממש געבעטען רחמים ביים רבונו של עולם פאר דאס אידיש ליידענדע אומה.

זונטאג האט ער געוואלט געבען קאנצערט אבער די אונטערהאלטונג פון די בני ברית, וועלכע איז פארגעקומען אין דעם זעלבען אויפדערנאכט אין דער "וואלפער הויז" האט געשטערט, און דער חזן א. שטיינבערג האט בלויז געדאוונט מעריב.

אויפדערנאכט איז דער חזן דער שרייבער פון די שורות און נאך אנדערע געסט געווען איינגעלאדען ביי מר. נ. ארזי, וואו מען האט זיך ביי א גלעזעל טיי פיין אונטערהאלטען, הנאה האבענדיג פון די פארשיידענע חסידישע און פאלקס לידער, וועלכע דער חזן האט געזונגען.

ה. בערניקער.

עס קען נאך ערגער זיין

מר. היקס: — מיין פרוי קען אפריידען שטונדען לאנג וועגען איין איינציגער זאך.

מר. וויקס: — זינדיגט ניט, מר. היקס מיין פרוי קען ריידען שטונדען לאנג וועגען גאר ניט!

היט אייער געזונט

פונקט ווי וויכטיג עס איז א גוטער דאקטאר, איז נאך וויכטיגער, אז די פרעסקריפשאן וועלכע דער דאקטאר גיט זאל ריכטיג געמאכט ווערען פון א קאמפעטענטען דראגיסט.

ראטבארט

דער ראיעלער דראגיסט.

טעלעפאנירט אונז. מיר שיקען נאך אייער פרעסקריפשאן און דעליווערען, ניט אכטענדיג אין וועלכען טייל פון שטאדט איהר וואוינט.

מעסיגע פרייזען.

שנעל, ראיעל, פינקטליך.

ראטבארט'ס דראג סטאר

קארנער דאנדעס און אגוסטא עוועניו.

נייער טעלעפאן:

עדעלייד 6201

676 קווין סטריט וועסט

עדעלייד 2800

מואווינג סייל

קאפלאנ'ס הארדוועיר סטאר,

קארנער קאלעדזש און בראנזוויק. אלעס מוז פארקויפט ווערען, ביליג. מיר מופען אין 417 דאנדעס סטריט וועסט. מיר וועלען סאקריפייסען דעם סטאק און קריגען קעש. עס איז שוין פאר פסח. קענט איהר א סך סייפען קויפענדיג יעצט טעפ, טעלער, גלעזער, פיינט, ווארניש, פלאר וואקס, עלעקטריק לעמפס, רופינג פייפער, $1.20 א ראל און העכער. מיר זענען אויך גרייט איבערצוגעבען די גאנצע ביזנעס מיט א געזאלין פאמפ. סאקריפייסענד. קומט צו 352 קאלעדזש סטריט.

118)

א. וו. טאלצעס

אגענט פאר "מארגען זשורנאל", "טאגעבלאט", "אמעריקאנער" איז יעצט אין שטאדט טאראנטא צו קאלעקטען פאר די אויבענדערמאנטע צייטונגען.

מיין פארלאנג פון אונזערע גוטע סובסקרייבערס איז, מיר ניט אויפצוהאלטען מיט די צאהלונגען. אורזאכע צוליעב מיין שוואכען געזונט, לא עליכם. דאנק איך יעדען פאר דער געפעליגקייט מיט'ן וואונש פון כל טוב.

איך נעהם אן אלע אנגעלעגענהייטען ווי נייע סובסקרייבערס א. ז. וו.

מיין וואוינונג איז אין פארד האטעל רום 1051.

אקאונטענט־בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט, אדער אודיטען פאר מעסיגע פרייזען.

אינקאם טעקס רעטורנס פיילד.

א. א. גאלדענבערג

75 האמוואוד דרייוו

הילקרעסט 7504W.

היי און האבער

צו די ביליגסטע פרייזען אין שטאדט. אויך גרויסער סטאק בוריקעס און מערען, זעהר ביליג. ריליייבל פראדוס. 352 באטהורסט סטריט. עדעלייד 2941, און טרינטי 5774

9471-3-4)

קאנגא

מעדיצינען

ליידט איהר פון עקזעמא, הויט־קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא־סעוו. ליידט איהר פון רהומאטיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאנגא, לינימענט. צו באקומען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערן און שיקען ביי מעיל, אלס פריי.

SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512

ליידט איר פון א ברוך?

(ראפטשורד)

א גוטער טראס און גוט צוגעפאסט, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ.

צו פארקויפען

צו פארקויפען, 48 הונדערט דאלאר, סאליד בריק, דיטעטשט הויז, הארדוואוד פלארס, גאראדזש. גרייס און קאלעדזש סעקשאן, מים קענוויק, טעלעפאן טרינטי 0965 עם.

103)

צו פארקויפען א גרויסע פרוכט און וועדזשעטייבעל סטאר מיט פיקסטשורס און וואוינונג, בעסטער ספאט אויף קאלעדזש סטריט. פרעגען 286 קאלעדזש. אורזאכע פארלאזט די שטאדט.

110)

איבערצוגעבען דעליקאטעסען, קאנפעקשאנערי און גראסערי סטאר מיט רומס. 264 קווין איסט.

64)

צו פארקויפען א טאלידא סקייל, 24 פונט ,גוט ווי ניי, אויך א ניישאנעל קעש רעדזשיסטער, זעהר ביליג. פרעגען 12 קענזינגטאן עוו.

111-3-2)

צו פארקויפען א גוט געהענדע גראסערי אדער צו פארענטען. 10 קענזינגטאן עוו.

116-3-3)

דער בארימטער רעדנער, מר. פרידמאן מאכט באקאנט מיינע פיעלע קאסטימער, דאס איך האב ערהאלטען א גרויסען סטאק דיימאנדס, גרויסע בארגיינס. טעלעפאן טרינטי 0766 עם.

119-3-2)

צו פארענטען

צו פארענטען 2 שעהנע רומס, דזשעניטאר סערוויס, הייסע וואסער א גאנצע יאהר. A 233 בארדען סט. וויווערלי 6918.

107-3-2)

צו פארענטען אן אפ־טו־דייט פלעט פון 3 אדער 4 רומס און סאן רום, גאראדזש. 36 ראשהאלם דרייוו.

117-3-2)

צו פארענטען מענינג, נארט אויף קאלעדזש, באהייצטען לאוער דופלעקס, אלע קאנוויניענס, גאראדזש. גלייך אריינצומופען. אויך א באהייצטע דופלעקס מארקהאם, נארט פון קאלעדזש. ליידיג דעם ערשטען אפריל. פרעגען טעלעפאן טרינטי 3776.

122)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, 146 ביטרים סט. טעלעפאן טרינטי 2895 עם.

71)

פייפערהענגינג און פיינטינג

פאר בעסערע ארבייט אין פיינטינג און דעקאריישאנס, ביליגסטע פרייזען, בעסטע צופרידענהייט, — טעלעפאנירט שארפ און קא. וויווערלי 7261.

67-3-4)

פיינטינג, פייפער הענגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום, מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

חזן ב. זולאדאווסקי



סייענטיפיש געשולטער סורדזשען

מוהל

— אויך —

מאדערנע מסדר קדושין

סערוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער

קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט אנטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.

טעלעפאן קינגסדייל 8832.

[illegible] אומזיסט

פארלאנגט

ערשט־קלאסיגער דייטשער פיינטער און פייפערהענגער. טרינטי 7909.

120-3-2)

פארלאנגט א שטארקען עקספיריענסד מאן ארומצוגעהן ארום אן אינוואליד. מרס. ווייס, 593 יוראן סטריט.

112)

פארלאנגט א פרוי פאר הויז ארבייט, זאל אויך קענען גוט קאכען. מעג זיין א גרינע. פרעגען צווישען 7 און 8 אוונט, טעלעפאן מעלראז 6826.

109-3-2)

פארלאנגט א מיידעל צו אכטונג געבען אויף א קינד, און אויך לייכטע הויז ארבייט. פרעגען A 313 יאנג סטריט.

113)

פארלאנגט עקספיריענסד פינישערס אויף ליידיס סוטס. פרעגען פיפט עוועניו קלאוק קא., 197 ספעדינע עוו.

761)

יונגער דייטשער מאן פארלאנגט ארבייט ביי קארפענטינג, רעפייר אדער פיינטינג. טעלעפאנירט עלגין 5815.

114)

דייטשע פרוי זוכט אלערליי הויז ארבייט 25 סענט א שטונדע. פרעגען 123 עלם סטריט. עלגין 8635.

115)

5 דאלאר 5 דאלאר

פייפערהענגער און פיינטער

פאר 5 דאלאר א רום פייפערען מיר אויס אייערע רומס מיט די לייטעסט דעזיין. אויך מאכען מיר פעינטינג, קראפטעקס בלענדינג ביליג. רופט גלייך אפ טעלעפאן טרינטי 7304W. עסטימייטס פריי.

4560-3-10)

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אוונטען טרינטי 8520M

NEW YORK
WINDOW
CLEANING CO.
427 BAY ST

חפצ'ם

„טארגסין"

ארדערס אויף פסח

ווערן טעלעגראפירט

צו וואס שיקען טארגסין ארדערס, ווען מיר טעלעגראפירען עס פאר 25 סענט? ביליגסטע פרייזען אין שטאדט.

חפצ'ם שיפס קאנטאר

דעליווערט מיט פולער גאראנטיע

פסח'דיגע שפייז פעקלאך

(מצה, מעהל, צוקער)

"טארגסין" פעקלאך, אויך דאלארען איבערגעשיקט טעלעגראפיש בלויז 25 סענט

1000 צופרידענע קאסטימער!

הונדערטער אונטערשריפטען!

קומט אדער טעלעפאנירט:

חפצ'ם שיפס קאנטאר

DOMINION TICKET OFFICE
143 QUEEN ST., WEST
ADELAIDE 5971

אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.

(לעבען ספעדיינע)

אפען ביז 9 אוהר אין אוונט

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

ביזנעסמאן... ארבעטער... הויזפרוי

אפיס אנגעשטעלטע... בעלי־בתים

דארפט איהר בעטען די, וואס קומען אריין צו אייך אין סטאר זיי זאלען דערציילען זייערע באקאנטע, אז ביי אייך באקומט מען...?

דארפט איהר געהן פון פעקטארי צו פעקטארי, און פון טיר צו טיר פרעגען אפשר דארף מען...?

דארפט איהר זיך פארלאזען אויף פריינט און באקאנטע, אז אויב זיי וועלען באגעגנען אימיצען, וואס זוכט — וואס וויל — וואס האלט ביי....

דארפט איהר עפעס — זוכט איהר עפעס — פעהלט אייך עפעס — גוטע קאסטימער — ארבייט — א פלאץ, וואו מען קריגט עס ביליגער — בעסערע סחורה — אפשר א גוטען בעל מלאכה — ווילט איהר א הויז פארענטען — א הויז רענטען — קויפען — פארקויפען?

אן אדווערטייזמענט אין "אידישען זשורנאל" וועט עס אייך געבען מיט ווייניגער מיה און צו זעהר קליינעם קאסט. באזונדערס אונזערע קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס קאסטען ווייניג און ברענגען רעזולטאטען.

אדווערטייזט אין „אידישען זשורנאל"

TORONTO HEBREW
JOURNAL

542 DUNDAS WEST
PHONE: ADELAIDE 7424-7425

נייעס ביי אונז אין שטאדט

5 יאהריגע קינד טויט און 50 יאהריגער זיידע געפערליך פארוואונדעט פון אויפרייס

דער פינף יאהריגער פיטער דזשעקסאן איז טויט און זיין זיידע ראס דייוויס, 50 יאהר אלט, געפינט זיך נאך אלץ אין א קריטישען צושטאנד, אלס רעזולטאט פון אן אויפרייס, וואס איז פארגעקומען אין דער דייוויס וואוינונג, אויף 653 ראודס עווענוי.

דער אויפרייס איז געשעהן, ווי מען גלויבט, ווען מר. דייוויס האט געוואלט מאכען א פייער אין קיך־אויוון מיט נאפט אדער גאזאלין. ווען פייערלעשער זענען אנגעקומען אויפ'ן פלאץ האבען זיי געטראפען דעם סטאוו באדעקט מיט אן אויליגער פליסיגקייט און רעשטלאך פון א בלעך זענען געווען צושפרייט איבער'ן צימער.

וועגען דער טראגעדיע האט מען זיך דערוואוסט, ווען שכנים האבען דערזעהן דעם אינגעלע ארויסלויפענדיג פון הויז שרייענדיג און זיינע קליידער זענען געווען איינגעהילט אין פלאמען. א שכנה האט מיט די בלויזע הענט אויסגעלאשען דעם פייער פון זיינע קליידער, אבער דאס קינד איז שוין געווען שטארק צוברענט.

אין הויז האט מען געטראפען דעם שטארק צוברענטען מר. דייוויס אין א פארזוך אויסצולעשען דאס פייער. ער האט נישט געוואלט פארלאזען דאס הויז ביז ער האט נישט ארויסגעטראגען זיין פרוי, וואס איז געלעגען קראנק.

די עלטערען פון קינד זענען אין שטאדט ניט געווען און האבען זיך דערוואוסט פון דעם אומגליק, ווען זיי זענען אין אווענט געקומען אהיים.

ארעסטירט צוליעב גלאז אויף זיינע אקסעל

דער אכצעהן יאהריגער דזשעק סידעל פון דעלאוויר עווענוי איז נעכטען ארעסטירט געווארען אויף עטליכע קלאגעס פון איינברעכען זיך אין הייזער.

ארייננעפאלען איז ער אין די הענט פון דער פאליציי צוליעב ברעקלאך גלאז אויף זיינע אקסעל. ער איז ארויסגעגאנגען פון א הויז, וואו ער האט זיך אריינגעקראגען דורך צוברעכען א שויב אין פענסטער, און ער האט דארטען גארנישט געטראפען. קיינער האט איהם נישט געזעהן אריינגעהן און ארויסגעהן. אין גאס איז ער אבער פארבייגעגאנגען פארביי א פאליסמאן. יענער האט באמערקט ביי סידעל'ן אויפ'ן מאנטעל ברעקלאך גלאז, האט ער איהם אפגעשטעלט און גענומען אויספרעגען.

די פאליציי זאגט, אז אין פאליס סטיישאן האט ער זיך מודה געווען אין 15 גנבות פון הייזער.

קריגט מתנה פון ריכטער לכבוד זיין געבורטסטאג

דעם, וואס איז געבארען געווארען אום 29־טען פעברואר, איז זיכער נישט צו מקנא זיין. אז א מענש קען פייערען זיין געבורטסטאג בלויז איינמאל אין 4 יאהר, האט דער ריכטער נעכטען אין פאליס קאורט טאקע ארויס געוויזען זיין סימפאטיע צו אזא אונגליקליכען, וואס איז געבראכט געווארען פאר אנשיכורען זיך, און אפגעלייגט זיין שטראף אויף אן אומבאשטימטער צייט.

דער באשולדיגטער האט דערצעהלט, אז, אמת, לכבוד זיין זעלטענעם געבורטסטאג האט ער זיך נעכטען אנגעשיכורט, אבער ער איז שוין באשטראפט געווארען; ער איז אראפגעפאלען פון א סטריט קאר און האט זיך צוקלאפט דעם קאפ.

אפארטמענט הייזער וועלען מוזען האבען פייער אלארמס

אין א בריעף, וואס דער פייער מארשאל האט נעכטען צוגעשטעלט צו דער שטאדטישער לעדזשיסליישאן קאמיטע, איז ער מסכים מיט דער מיינונג פון פייער־טשיעף סינקלער, אז די שטאדט זאל דורך א ביי־לאו צווינגען אלע אפארטמענט הייזער צו באזארגט ווערען מיט פייער אלארמס.

לויט דער אלגעמיינער הסכמה צו דעם פלאן איז גאנץ ווארשיינליך, ער זאל אין גיכען אנגענומען ווערען און ווערען בינדענד פאר אלע אפארטמענט הייזער אין שטאדט.

דריי אינגלאך געבארען אין עיבור טאג אין טאראנטא

טאראנטא דזשענעראל האספיטאל, סט. מייקעלס האספיטאל און ווימענ'ס קאלעדזש האספיטאל, יעדער פון זיי האט ביי־געטראגען א נייעם קאנאדער בירגער צו דער צאל פון די, וואס האבען זעלטענע געבורטסטעג.

אלע דריי געבארענע אין טאראנטא דעם 29־טען פעברואר זענען אינגלאך און ווי מבינים זאגען, גאנץ פיינע און געזונטע דערצו. נאר זייער ערשטען געבורטסטאג וועלען זיי פייערען נעבאך ערשט אין פיער יאהר ארום.

יונגע פרוי ווערט פלוצלונג קראנק און שטארבט

מיס אליוו גארעט, 26 יאהר אלט, איז זונטאג אווענט געבראכט געווארען אין סט. מייקעלס האספיטאל, ווען זי האט פלוצלונג זיך דערפיהלט שלעכט אין דער היים.

זי איז נעכטען געשטארבען. דאקטוירים דערקלעהרען, אז זי איז געשטארבען פון א הארץ פעלער.

נייער אפאראט באנוצט אין אויסלעשען פייער

אין א שרפה, וואס האט אויסגעבראכען אין דער עמפרעס שוה קאמפאניע, אויף 152 וועלינגטאן סטריט, איסט, האבען די פייערלעשער באנוצט דעם ערשטען מאל א נייעם אפאראט, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען זעהר נוצליך אין דעם פאל.

דאס פייער איז געווען באהאלטען צווישען דעם פלאר פון צווייטען און דער סטעליע פון דעם אונטערשטען שטאק. כדי אויסצולעשען דעם פייער, איז אויף דער רער, וואס שפריצט וואסער אנגעטאן געווארען אזא אפאראט, וועלכען מען האט אריינגעשטעקט אין א לאך פון פלאר און ער האט דאס וואסער געצילט וואו מען האט געדארפט, א זאך, וואס איז נישט געווען מעגליך אהן דעם.

דער שאדען איז טאקע א דאנק דעם געווען נישט זעהר קיין גרויסער — 500 דאלאר צו דער געביידע און עטוואס צו סחורה.

וואודסווארט באדאנקט פועלי ציון ־ צעירי ציון פאר טעלעגראמע

דזש. ס. וואודסווארט, ארבייטער דעפוטאט אין קאנאדער פארלאמענט, האט צוגעשיקט פאלגענדען בריעף צו דער היגער פועלי ציון ־ צעירי ציון ארגאניזאציע אלס ענטפער אויף זייער טעלעגראמע:

פאראייניגטע אידישע סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי,
24 סיסעל סטריט,
טאראנטא, אנט.

„ווערטע הערען: —

„איך דאנק אייך זעהר פיעל פאר אייער טעלעגראמע וועגען דעם אפזאג פון דער רעגיערונג צו דערלויבען אונז אפילו פארצושלאגען דעם אמענדמענט צו סעקשאן 98. עס איז באזונדערס דערמוטיגענד צו באמערקען, אז איהר קלייבט זיך אויפצוּוועקען די עפענטליכע מיינונג.

„איך זעה, אז ווי נאך קיינמאל פריהער מוזען מיר יעצט אנפיהרען אן אויפקלעהרונגס קאמפיין און נאכפאלגען עס מיט באשטימטער ארגאניזירונג, אז מיר זאלען האבען א גענוגענדע צאהל סאציאליסטישע און ארבייטער פארטרעטער אין פארלאמענט, כדי מיר זאלען קענען צווינגען וועלכע רעגיערונג עס וועט זיין אין מאכט צו אנערקענען אז זיי מוזען זיך רעכענען מיט אונזערע פאדערונגען.

אייער ערגעבענסט,
דזשיי. ס. וואודסווארט".

איך מאן האט זיך געדרייצט מיט איר

אבער נישט לאנג!

„איך האב אנגעהויבען נעהמען קראשען זאלץ פאר קאפ־שווינדעל און פאר די לעצטע צוויי יאהר צייט בין איך געווען איינגאנצען פריי פון אטאקעס. איך נעהם זיי אויך יעצט, ווייל זיי האלטען מיך אין פולען געזונט. מיין מאן פלעגט חוזק מאכען פון מיין נעהמען קראשען זאלץ; יעצט נעהמט ער זיי שוין אליין, און אזוי אויך מיינע קינדער. מיין אויפריכטיגסטען דאנק". — מרס. דזשי. פ.

ווען אייער מאגען אדער פארדייאונגס זאפטען הערען אויף פליסען, איז אנשטאט אייער שפייז זאל איינגעזאפט ווערען פון אייער סיסטעם, קלייבט זיך עס און ווערט אין אייך, פראדוצירענדיג שעדליכע עסידס און גאזען, וואס שאפען קאפ־שווינדעל, הארצברענעניש און אנגעבלאזענקייט.

קראשען איז א קאמבינאציע פון זעקס זאלצען, וואס דערלאנגט זיך באלד צום ווארצעל פון אלע צרות. ערשטענס באאיינפלוסט עס דאס פליסען פון די פארדייענדיגע און אנדערע זאפטען צו העלפען דער פארדייאונג, און דאן פארזיכערט עס פולען, רעגולערען און זיכערען דערווייטערען פון אפפאל יעדען טאג, און דאס מיינט א געבענשטער סוף צו קאפ־שווינדעל און א באנייטע און פולהארציגע הנאה פון אייער שפייז אהן דער מינדסטער מורא פון דארפען באצאהלען די אלטע שמערצליכע שטראף.

35 ארעסטירט ביי א הענער קאמף

טשאטאם, אנט. פעברואר 29.

צוויי פראווינציעלע פאליסלייט האבען דא איבערגעריסען א הענער קאמף אויפ'ן פארם פון דזשאהן דזשאזעף אין ריילי טאונשיפ, און האבען פארצייכענט די נעמען פון 35 אנוועזענדע. געווען זיינען דערביי 125 פערזאן, אבער זיי זיינען אנטלאפען פון דער פאליציי איבער פעלדער.

די פאליציי האט פארכאפט די שלעגער, 25 הענער.

די ארענע פארן הענער קאמף איז געווען איינגעארדענט אין קיך אויף דזשאנס פארם. צווישען די וואס זיינען אויסגעפרעגט געווארען, האבען זיך געפונען אזעלכע וואס האבען אנגעגעבען אדרעסען אין מאנטרעאל, אטערוויל, טשאטאם, דעטראיט, לימינגטאן, סימקאע און אנדערע.

קיין ארעסטען זיינען ניט געמאכט ווארען, אבער דער קראון אטוירני באטראכט צו מאכען קלאגעס געגען די געפונענע.

ווילנע

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

ספעציפישע, קנעכטישער „לאאליזם". טאגבלאט „צייט", וואס געוועהנליך סימפאטיזירט עס מיט'ן ציוניזם, דרוקט איבער אן ארטיקעל פון פאלקיסט קאפלאן פון ביאליסטאק, וועלכער האט שוין בעת די לעצטע וואהלען געשטיצט די אזוי גערופענע לאקאלע ליסטע מיט א גראוויטאציע, צום רעגיערונגס לאגער. וועגען דער טראגעדיע פון אונזערע גאליציאנער דעפוטאטען. זיי האבען געקריצט מיט די צייהן, זיך געקארטשעט און וועהטאג צוליעב דער לאגע פון די אידען אין פוילען, צוליעב דעררעגיערונגס פאליטיק לגבי אידען, אבער דאך האבען זיי ניט געקענט שטימען געגען דער רעגיערונג. זיי האבען ניט געקענט צוליעב דער אחריות וואס ליעגט אויף זיי. איך האב מיר געקענט אויף דעם דאזיגען לוקסוס ערלויבען, מחמת איך טראג ניט קיין פאראנטווארטליכקייט, ווייל איך בין איינער אליין. אויס דעם גרונד מעג מען מיר מקנא זיין. נאר עפעס אנדערש זיינען מיטגליעדער פון דער קאלאמערהייט. ווי אונגליקליך זיי זיינען! וואס פאר א טראגישע פיגורען! ניט קענען שטימען געגען דער רעגיערונג, בעת דאס בלוטענדע הארץ הייסט עס טאן, בעת די נשמה וואס איז צוועהטאנט איבערן אידישען גורל, רייסט זיך דערצו ממש.

די ווילנער אידישע צייטונג דרוקט איבער די דאזיגע פלוידערייען! און דאס אין א מאמענט, ווען עס דעצידירט זיך דער גורל פון די באשולדיגטע און אנגעקלאגטע אידען, און אפשר טאקע דערפאר?

וואס טוט זיך אין ווילנע? וואס איז געשעהן מיט ווילנע, דער ירושלים־דליטא?

(איטא)

עד דארף די
עקסטרא נארונג וואס
פריי'ס קאקא
ג י ט

מיט וואס באזארגט איהר אייער קינד פאר די געפערליכע מאנאטען, וואס קומען אן? עס קומט קעלט און נעץ, און נאך שפעטער, רעגען און שניי צו באקעמפען. פריי'ס קאקא איז דער קלוגער מוטער'ס ענטפער. באטראכט נאר — די ענערגיע געבענדע קראפט פון פריי'ס איז צוויי מאל מער ווי פון גוטען מאגערען פלייש! פריי'ס איז די קאקא מיט'ן שאקאלאד טעם — און דער עקאנאמישסטער שפייז געטראנק, וואס איהר קענט קויפען.

J. S. Fry & Sons (Canada) Limited, Montreal, Que.



שרייבט פאר פרייעם רעסיפי ביכעלע.

געמאכט פון דער עלטסטער קאקא און שאקאלאד הויז אין דער וועלט.

הערי פישעל גיט פרייע אפיסעס פאר'ן ישוב הישן קאמפיין

די פארטרעטער אין ניו יארק און לאנד, איבערן לאנד, פון די פארשיעדענע אינסטיטוציעס פון דעם אלטען ישוב אין ישראל וועלען זיך ווידמען מיט זייער גאנצער ארגאניזאציאנס מאשינערי און פארבינדונגען פאר דעם ערפאלג פון קאמפיין, וואס דאס ארטאדאקסישע אידענטום אין אמעריקא האט איצט אונטערגענומען, צו ראטעווען פון אונטערגאנג די מוסדות התורה והחסד אין ארץ ישראל.

די דאזיגע פארזיכערונג איז געגעבען געווארען צו די הויפט אנפיהרער פון דעם קאמפיין אויף א ספעציעלען מיטינג וואס זיי האבען אפגעהאלטען מיט די פארשטעהער פון אלע דערמאהנטע אינסטיטוציעס. זיי האבען געשטעלט צום פולען דיענסט פון דער קאמיטע אלע זייערע מיטווירקענדע מענשען און זייערע פארצווייגטע פארבינדונגען, צו ערמעגליכען א סיסטעמאטישען און ערפאלגרייכען קאמפיין טעטיגקייט איבערן גאנצען לאנד.

די פארטרעטער פון די „ישוב הישן" אינסטיטוציעס האבען אויף דעם מיטינג זיך אנגעשלאסען אן די פארשיעדענע קאמיטעס פון דער קאמפיין ארגאניזאציע, און עס זיינען גלייך אויסגעארבייט געווארען פלענער ווי צו דערגרייכען אלע אידישע געמיינדען לטובת דער גרויסער אונטערנעהמונג.

אויף דעם מיטינג האט דער באוואוסטער אידישער כלל־טוער, מר. הערי פישעל, טשערמאן פון דעם קאמפיין, אנאנסירט אז ער גיט אפ אפיסעס מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען פריי, אין זיין אפיס בילדונג אויף 5־טע עווענוי. אלע העדקווארטערס פאר דעם דרייוו, פאר אזוי לאנג ווי עס וועט זיין נויטיג.

די קאמיטע האט מר. פישעל'ן הארציג בעדאנקט פאר זיין ערשטען שעהנעם ביי־טראג צו דעם קאמפיין. דער אפיס, ווי שוין אנאנסירט, איז אין 276 פיפטע עוו. ניו יארק.

דער פראגער יריד

פון אונזער דארטיגען קארעספאנדענט פ. לאגשטיין.

בלי שום ספק וועט די פראגער מעסע זיין דער אינטערעסאנטסטער יריד, וועלכער וועט איצט אפגעהאלטען ווערען. נעהמענדיג אין באטראכט, אז די טשעכישע אינדוסטריע האט אין דער לעצטער צייט געטאן אלעס בכדי ניט פארדרענגט צו ווערען פונ'ם וועלט־מארק, וועט עס זיין אינטערעסאנט צו זעהן ווי אזוי די אינדוסטרי האט איבערגעארבייט איהר גאנצע פראדוקציע, בכדי צו האבען די מעגליכקייט הן מיט גוטער סחורה, הן מיט ביליגע פרייזען צו קאנקורירען מיט דער גאנצער וועלט.

אויפ'ן איצטיגען פראגער יריד וועט צום ערשטען מאל אפגעהאלטען ווערען אן אייגענע מעסע פאר האטעל און רעסטאראציעס. — יעדעס לאנד באמיהט זיך אריינצובאקומען וואס מעהר פרעמדע. עס ווייזט ארויס איהרע באזונדערע שעהנע מקומות, די נאטירליכע און קינסטלערישע אייגנארטען, וואס דאס לאנד פארמאגט. אודאי מוז מען האבען מעגליכקייטען פרעמדע מענשען אויפצונעהמען און זיי מכבד זיין מיט'ן בעסטען, ווי זיי זענען עס געוואוינט ביי זיך אין דער היים.

ס'איז קלאהר אז די אלע ביז־איצטיגע האטעלען, אכסניות און גאסט־הויפען, וועלכע האבען געדינט פאר סוחרישע רייזענדער, מוזען געענדערט ווערען, ווי באלד ס'זאלען אהין קומען רייזענדע וואס ווילען האבען תענוג אויף דער רייזע.

אויפ'ן איצטיגען פראגער יריד וועט מען קענען זעהן ווי אזוי מען קען די אלטע האטעלען און רעסטאראציעס איבערארבייטען נאכ'ן מוסטער פון וועלט־האטעלס, בכדי יעדער זאל האבען א באגריף ווי אזוי ער זאל עס מאכען ביי זיך אין דער היים.

חוץ לזה וועט זיין אן אייגענע אויסשטעלונג „טיי און קאווע". די גרעסטע געזעלשאפטען וועלען איצט אויפנעמען בלויז צום טיי אדער צו א קאווע. דער גרעסטער און וויכטיגסטער טייל פון אונזער לעבען שפילט זיך דערביי אפ און ס'איז וויכטיג, אז ניט נאר האטעלען און רעסטאראנען, נאר אויך הויזפרויען זאלען אויף אלע אופנים וויסען, ווי אזוי דאס צו ארראנזשירען, אז יעדער זאל זיך פיהלען געמיטליך ביי א „גלעזעל טיי" — אויך די „עלעקטרישע קיך", וועלכע האט היינט הונדערטער מעגליכקייטען און דערלייכטערונגען פאר יעדער בעל הבית'טע, וועט דארט פארגעפירט ווערען אין אלע איהרע פרטים, און אזוי ארום וועט עס צוציהען דאס אינטערעס פון דער גאנצער אינטערנאציאנאלער וועלט, וואס וועט זיך צונויפקומען אויף דעם פראגער יריד, וואס הויבט זיך אן דעם 13־טען מערץ, היינטיגעם יאהר.

כינעזישע נייעס

טאק און ארום דער אזורי אייזענבאן, לעבען דעם צפון מאנדזשוריער גרעניץ.

ער האט אויך באריכטעט, אז אלע אריינגאנגען אין וולאדיוואסטאק זענען פארשטארקט געווארען מיט שווערע ארטילעריע און מיליטערישע עראפלאנען. נייע פעסטונגען ווערען איצט געבויט ארום דעם געגענט און טאג און נאכט קומען אן פרישע טראנספארטען פון אמוניציע, שפייז און מיליטערישע כלי־זיין.

ער באריכטעט ווייטער, אז צווישען די רוסען איז אנגענומען דאס א מלחמה צווישען רוסלאנד און יאפאן איז אונפארמיידליך, אויב ניט איבער מאנדזשוריע איז איבער די פישערייען. א סאוויעטישע יאדין פאבריק איז פארוואנדעלט געווארען אין א פאבריק פון גיפטיגע גאזען.

בריעף

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

אז דער גאנצער טאג איז אין גאר ניט אוועק. „דער טאג וואס איז קיין בריעף ניטא — פלעגט זי טראכטען — איז גאר־ווערט און דארף ניט אין לעבען איינגערעכענט ווערען". מיט מיעדע לאנגזאמע טריט פלעגט זי זיך קוים, קוים צום צימער דערשלעפען, שטילערהייט אין בעטעל אריינווארפען זיך און בלייבען פארזונקען אין איהרע גיהנים'דיג מאטערנדיגע מחשבות...

* * *

דער טאג איז פאר איהר זעהר א שווערער געווען. די פריהערדיגע נאכט האט זי כמעט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט, צוליעב די ווילדע געדאנקען וועלכע האבען זיך איהר אין מוח געפלאנטערט. זי האט זיך מיט איהר גאנצען וועזען אהיים געצויגען, צו דער זיסער, ליעבער און טייערער היים פון וועלכע זי וואלט איצטער יעדער שטיינדעלע הארציג געקושט. עס וואלט זיך איהר אזוי וועלען זיין לעבען איהר פארעלטערטער מאמען, לעבען איהר שטרענגען — אבער דאך איבערגעגעבענעם טאטען. זיי אליין, האט זי געטראכט, זיינען נאר בכוח צו לינדערען איהר פארוואונדעטע הארץ. גזלניש שניידענד איז פאר איהר געווען די באהויפטונג אז זי קען צוריק אהיים ניט פאהרען. א גאנצע נאכט האט זי זיך אזוי געפייניגט אין איהרע פינסטערע געדאנקען. אויפ'ן פארטאג איז זי אריינגעפאלען אין אן אומרוהיגען אפגעהאקטען דרעמעל און אינדערפריה ווען איהרע מיט קווארטיראנטקעס האבען איהר צו דער ארבייט אויפגעוועקט, האט זי זיך קוים פון בעט אויפגעהויבען. זי האט זיך געפיהלט ווי נאך א שווערער קראנק. ווען ניט דער באוואוסטזיין, אז אויב זי וועט דעם טאג ניט ארבייטען, וועט זי ניט האבען ווי אזוי איהם דורכצולעבען, וואלט זי צו דער ארבייט ניט געגאנגען. די נויט אליין האט איהר היינט אין פאבריק געטריבען. מיט די לעצטע כחות האט זי זיך ביים מאשין געזעצט. זי איז געווען זעהר שוואך און געדאכט האט זיך איהר אז עס פעהלט איהר אוים לופט צו אטהעמען. די פאבריק לופט איז געווען צו שטיקענד פאר איהר זי האט געמיינט אז זי וועט עס ניט אויסהאלטען. די עראינערונגען פון דער היים האבען איהר רוהען ניט געלאזט. זי האט זיך פארגעשטעלט ווי איהר מאמע האט אויסגעזעהן ווען זי האט איהר געשריבען אז זי קען אהיים קומען, אז גאט וועט העלפען און אז זי איז איהר חלילה ניט איבעריג...

דער מאמעס פארגעשטעלטער אויסזעהן האט איהר אנגעהויבען צו ציהען צו זיך... מאמע! מאמע! האט זי שוין געוואלט אויסשרייען נאר איהר שכנ'טע האט איהר אויפגעוועקט פון איהרע געדאנקען באמערקענדיג אז זי וועט היינט גאר ניט מאכען. זי האט זיך ארומגעקוקט וואו זי איז און אנגעהויבען לאנגזאם צו נייען. דער מאמען האט זי שוין מעהר ניט געקענט זעהן. זי האט אבער ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען א בריעף פון דער היים. זי האט אזוי פיעל געבענקט נאך דעם אז איהר האט זיך געדאכט אז אלץ אין פאבריק — דער זינגזאנג פון די מאשינעס, וועלכער גיסט זיך צונויף מיט די שטומע בענקענדע נגונים פון די ארבייטערינס — זינגט ב־ר־ר־יעף. ב־ר־ר־ר־יעף...

זי האט נאך פאר די גאנצע פיער חדשים וואס זי איז אין קובא קיינמאל אזוי אומגעדולדיג ניט געווארט אויפ'ן פאבריק פייף ווי היינט. און ווען דער לאנג ציהענדער פייף האט זיך ענדליך דערהערט איז איהר פוסטקייט און שרעק מיט אמאל אויסגעוואקסען, גרעסער געווארען. וואס מעהר זי האט זיך אהיים דערנעהנטערט אלץ מעהר איז איר שרעק געוואקסען. „טאמער איז קיין בריעף ניטא", האט זי געטראכט און אנגעהויבען צו געהן לאנגזאמער.

מיט פולען ציטער איז זי צו דער ענקארגאדעס טיהר צוגעגאנגען און מיט א זעהר שוואכען קול האט זי געפרעגט: „איי קארטאס?" „נא, נא איי" (ניין עס איז ניטא) האט איהר די ענקארגאדע מיט גרוים מיטגעפיהל געענטפערט און דערזעהענדיג איהר קאנוואלסיוו פארקרימטען ציטערדיגען פנים האט זי איהר געוואלט אפהאלטען און טרייסטען איהר אביסעל. מירל האט שוין אבער קיין זאך ניט געהערט. אבל'דיג איז זי פון איר אוועק און מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ אויף די טרעפ אנגעהויבען צו ציהען צו זיך. אין שטוב האט זי ניט געוואלט אריינגעהן. וועלענדיג בלייבען אליין איז זי אויפ'ן דאך ארויף. דער שטאדטישער טומעל פון אונטען האט איהר אויפ'ן דאך גארניט געשטערט. ארום און ארום האט א טויטע שטילקייט געהערשט. די לעצטע רויטע שטראהלען פון דער טראפישער זון האבען אנגעהויבען איינציגווייז צו פארשווינדען און פון מיטען דעם קלאהרען אויסגעלייטערטען הימעל האט זיך אדורכגעשניטען א יונג רונדע לייכטענדע לבנה. מירעל האט זיך קוים אן ווענטעל אנגעשפארט און איז זיך אין א שטילען הארץ־דרייסענדען געוויין פארגאנגען...

שכנים ריידען

„איך בין באשעפטיגט אין א טעאטער און עס איז א פראבלעם צו קענען דורכקומען מיט אלעס, ווייל איך העלף צו אויפהאלטען מיין מוטער און שוועסטער. איך האב ליעב צו קליידען זיך שעהן אבער איך האב ניט גענוג צו אויסגעבען אויף קליידער. כדי צו געבען א שטיקעל ענדערונג פאר דעם אויסזעהן פון מיין ארימער ווארדראב, בייט איך די פארבען פון מיין קלייד, אדער זאקען אזוי שנעל ווי זיי פארלירען זייער גלאנץ. איך נוץ שטענדיג דיימאנד דאים פאר דער ארבייט — נוצענדיג זיי אלס פארב פאר דרעסעס און אלס „טינטס" פאר זאקען. איך האב שטענדיג געקראגען אזעלכע פערפעקטע רעזולטאטען, אז אונזערע שכנים ריידען וועגען דער גרויסער צאל נייע זאכען וואס איך האב.

„איך האב אויסגעפונען וועגען דאימאנד דאים פון אונזער ווארדראב אויפזעהערין. זי זאגט, אז זי האט פרובירט אלע פארבען אויפ'ן מארק אבער קיינע טוען ניט אזעלכע אויסגעצייכענטע ארבייט און זענען אזוי לייכט צום נוצען ווי די דאימאנד דאים. איך פארשטעה אז זיי זענען די פאפולערסטע פארבען אין דער וועלט — און זיי פארדינען עס".

ל. פ. מאנטרעאל.

קיעווער'ס קעש
פוירניטשור סייל

אייער גרעסטע געלעגענהייט. איינצושפארען פון 25 ביז 40 פראצענט פון די וואונדערבארע מציאות אין קעש

טשעסטערפילד סעטס — רעגולאר $195.00 פאר $95.00

בעדרום סעטס — רעגולאר $169.00 — — — פאר $69.50

טשעסטערפילד סעטס — רעגולאר $450.00 — פאר $275.00
האנט קארווד פריים

אויך נייעסטע סטיילס דיינינג רום סעטס

קומט און זעהט אליין דעם אויסערגעוועהנליכען פארניטשור סייל אין שטאדט.

עס איז דא בלויז איין קיעווער סטאר

קיעווער פארניטשור קא.
452 ספעדיינע טעלעפאן טריניטי 0706
אפען אין אווענט. קיינע ברענטשעס.

אפיס טעלעפאן: עלגין 3641. הויז טעלעפאן לאידברוק 4758.

לאיער נייטען פהיליפס קיי. סי.
און קאמפאניע
NATHAN PHILLIPS, K.C.
אימפעריאל באנק בילדינג
171 יאנג סטריט
קארנער יאנג און קווין סט.
אפיס שטונדען: פון 10 פריה ביז 6 נ. מ.

לאיערס גלעס און דיקלער
פון
GLASS - DICKLER & CO.
708 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיס.
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
(THE HEBREW JOURNAL)
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST Telephones: ADelaide 7424-7425
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913.

יעצט נעמט מען זיך צו דער חלוקה

יאפאן און כינע האבען איינגעשטימט אויף א וואפענשטילשטאנד. יאפאן האט עס געטאן נאכדעם ווי עס האט זיך איר ניט איינגעגעבען דורכצוברעכען ביידע כינעזישע פארטיידיגונג ליניעס ארום שאנכאי.

וואס עס איז שייך דער "אונאפיציעלער" מלחמה, האט נאך מעגליך כינע ניט פארלוירען. און עס איז צווייפעלהאפט אויב אויפ'ן שלאכטפעלד וואלט זי פארלוירען. מיר זענען אבער זיכער, אז ביים שלום-טיש וועט זי פארלירען, און אז כינע וועט ארוים די פארלוירענע, איז קיין צווייפעל ניט.

יאפאן האט געדענקט, אז זי קען צושמעטערען די אפגעשוואכטע כינע אין אן אויגענבליק, אן וועלכע עס איז איבעריגע אנשטריינגונגען. אז זי קען פארנעמען שאנכאי פונקט אזוי שנעל ווי זי האט פארנומען שטעדט און גאנצע פראווינצען אין מאנדזשוריע. זי האט זיך אבער אנגעשטויסען אין א מעכטיגער וואנט, וועלכע איז ניט באשטאנען פון שטאל און אייזען, נאר פון עקשנות'דיגען מענשליכען ווידערשטאנד.

אויפ'ן שלאכטפעלד האט יאפאן פארלוירען אין העכערען זין פון ווארט, און דערפאר האט זי צוגעשטימט צו א וואפענשטילשטאנד, וויסענדיג, אז ביים פרידענס-טיש וועט זי פיעל מער געווינען נאכדעם ווי זי האט באוויזען דער וועלט, אז ביי איר שפילט ניט קיין ראלע קיין אפמאכען און קיין פעלקער-בונד. קיינער, און קיין זאך האט ניט געקענט צוריקהאלטען דער מיליטערישער יאפאן אנצופירען א מלחמה אן א מלחמה דערקלערונג.

מען מעג צווייפלען אין דעם, צי יאפאן וועט געווינען אלעס, וואס זי זוכט צו געווינען. אבער אז כינע וועט פארלירען, און אלעס פארלירען, אין דעם איז נאר קיין צווייפעל ניט.

ווען די גרויס-מעכטע פון דער וועלט וועלען זיך אוועקזעצען ביים טיש און אנהויבען די גרויסע חלוקה, וועט פאר כינע קיין זאך ניט בלייבען. און אין כינע איז דא מיט וואס זיך צו טיילען.

מאנדזשוריע פארמאגט קוואלען פון נאטירליכע רייכטימער. און מאנדזשוריע איז דאך יעצט אין די הענט פון כלומרשט כינעזער, אבער אין אמת'ן אין יאפאנ'ס.

כינע איז א "פארברעכען" באגאנגען געגען די גרויס-מעכטע מיט עטליכע יאר צוריק, דערמיט וואס זי האט צוגענומען ביי זיי די קאנצעסיעס און מען מוז דאך האלטען אן אפענע טיר אין כינע. סעקרעטערי אף סטייט, סטימסאן, האט עס נאך מיט איבער א וואך צוריק געלאזען וויסען פון וואשינגטאן.

מיט איין ווארט. פאר דעם "פרידען", וועלכען די גרויס-מעכטע וועלען יעצט שליסען צווישען כינע און יאפאן, דארף מען פיעל מער מורא האבען איידער פאר דער מלחמה, וועלכע איז ביז יעצט געוועזן אזא "פרידליבע".

אויפ'ן שלום-טיש וועט כינע ליגען א פאלשטענדיג אונבאהאלפענע אין די הענט פון די "קלוגע" וועלט-דיפלאמאטען, און עס איז טאקע שווער צו זאגען, וועלכע געפאר פאר כינע איז א גרעסערע: די מיליטערישע יאפאן, אדער די דיפלאמאטישע אייראפא?

דער טאראנטא'ר חוב

ווען פינאנץ קאמישאנער ווילסאן האט פארעפענטליכט די עסטימיטס פון דאס יאר, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די שטאדט טאראנטא איז א בעל חוב אויף א סומע פון איבער 128 מיליאן דאלאר, און אז אויף דעם חוב דארף געצאלט ווערען קרוב צו צעהן מיליאן דאלאר א יאר.

אמת איז, אז איבער 85 מיליאן דאלאר איז אינוועסטעט אין פאלקס אונטערנעמונגען, ווי טאראנטא היידרא און די טאראנטא טראנספארטיישאן קאמישאן. אין דער ערשטער אונטערנעמונג האט די שטאדט אינוועסטעט איבער 30 מיליאן דאלאר, און נאהענט צו 35 מיליאן דאלאר אין דער טראנספארטיישאן קאמישאן. ביידע צאלען פאר זיך אליין, און נאהענט צו צוואנציג מיליאן דאלאר קומט פון הויז אייגענטימער פאר לאקאל אימפראוועמענטס. אזוי אז פון שטייערען און פון די בירגער דירעקט דארף גענומען ווערען פראצענט אויף א חוב פון איבער פערציג טויזענט דאלאר. די שטאדט איז פאראנטווארטליך פאר אלע באנדס פון די 128 מיליאן דאלאר, וועלכע זי האט גאראנטירט, אבער זי צאלט נאר פאר דער אויבענדערמאנטער סומע.

פאר אזא שטאדט ווי טאראנטא מיט א באפעלקערונג, וועלכע איז איבער דריי פערטעל מיליאן, איז א סומע פון פערציג מיליאן דאלאר ניט קיין צו גרויסער חוב. אייניגע נוצען אבער אוים די גרויסע סומע פון 128 מיליאן אום אנצושטראשען די בירגער.

דער בודזשעט פון דער שטאדט טאראנטא איז ארום 35 מיליאן דאלאר א יאר, און עס וואלט זיך ניט גענויטיגט קיין צו גרויסע אנשטריינגונגען מצד דער שטאדט צו באצאלען דעם חוב. די פאראינטערעסירטע אבער שרייען, אז די שטאדט איז פארשולדיגט ביז איבער'ן קאפ.

די שטאדט טאראנטא גרייט זיך צו מאכען א הלואה פון ארום פופצעהן מיליאן דאלאר אין די קומענדע עטליכע וואכען, און עס איז וויכטיג, אז די הלואה זאל זיין א דערפאלג. עס איז אין די אינטערעסען פון יעדען בירגער, סיי דער, וועלכער צאלט דירעקטע, און סיי וועלכער צאלט אונדירעקטע שטייערען, אז די הלואה זאל געמאכט ווערען אויף די בעסטע קאנדיציעס, דאס הייסט, אויף אזא קליינעם פראצענט ווי נאר מעגליך, ווייל סוף כל סוף וועט דאך דער טאראנטאר בירגער פאר דעם דארפען באצאלען.

פאר די, וועלכע ווילען רייסען א גרעסערען פראצענט, די באנקירען און בראקערס, איז וויכטיג צו ווייזען, אז טאראנטא איז א גרויסער בעל חוב, און דאס ווייזען זיי מיט'ן 128 מיליאן דאלאר חוב. דאס איז אבער ניט מער ווי קאמאפלאזש. די היידרא און די טי. טי. סי. זענען שטארק גענוג און ביכולות צו צאלען זייערע חובות אהן דער הילף פון דירעקטע שטייערען.

וויכטיג איז פאר יעדען בירגער צו זעהן די ציפערען אין דער ריכטיגער ליכט און פארשטעהן, אז דאס העכסטע וואס טאראנטא, אלס שטאדט, איז שולדיג, איז עטוואס איבער 40 מיליאן דאלאר און ניט 128 מיליאן.

אונזער „באַיבעל“

(מענליכע שמועסען)

פון יצחקי

איך טראכט אפט וואס פאר א פנים וואלטען מיר, אידען, געהאט, ווען די גוי'ישע וועלט זאל אונז שענקען כאטש א העלפט פון יענער אויפמערקזאמקייט און ליעבע וואס זי שענקט אונזער "באַיבעל".

צוואנציג מאל וועלען זיך די גויים איבער'צלמ'ען איידער זיי וועלען דערמאנען דאס ווארט "באַיבעל". אפילו א אידישען מערדער זענען זיי גרייט צו באפרייען פון פארהער אויב עס פאלט אוים אין א הייליגען אידישען טאג.

"יעדע אכטונג ווערט ארויסגעוויזען צום פאלק פון אידישען גלויבען אין פאל א אידישער פראצעס פאלט אוים אום שבת אדער אין אנדערע הייליגע ימים טובים". אזוי האט דערקלעהרט ריכטער קאוטסווארט, ריידענדיג איבער אן עהנליכען אינצידענט פון סורסט. מערי.

און איהם צו הילף איז געקומען דער געהילפס פראקוראר פ. י. מאלאני און אנדערע געריכטס-אנגעשטעלטע.

אז פאר דער אידישער "באַיבעל" און דעם אידישען גלויבען האבען אונזערע קריסטליכע שכנים א סך מעהר דרך-ארץ ווי פאר אונז גופא, האב איך זיך היינטיגע וואך איבערצייגט פון נאך א פאל.

געוועזן איז דאס אין קוויבעקער פראווינציעלען פארלאמענט בעת די דעבאטע וועגען דעם "ביל" צו באקעמפען די אנטיסעמיטישע אגיטאציע אין יענער פראווינץ אין פארגעקומען. אין פארלויף פון דער דאזיגער דעבאטע האט דער קוויבעקער פרעמיער גענומען דאס ווארט און ער האט אנגעהויבען, ווי דער נוסח איז — מיט דער אידישער "באַיבעל".

קודם כל, האט ער זיך אוועקגעלאזען וועגען דער גרויסקייט פון אונזער פאלק וואס איז געבענטשט צו פארמאגען דאס "בוך פון אלע ביכער"; נאכהער האט ער דערצעהלט וואס פאר א פיינע מענשען מיר זענען און לסוף האט ער דערקלעהרט, אז וואס אנבאלאנגט דעם "ביל", וועט ער שטימען געגען איהם, צוליעב כמה וכמה טעמים.

איהר פארשטעהט: — דוכט זיך א פיינע ביבעל, א פיין פאלק און בכלל זענען מיר ,היסט עס, ניט צו פארזינדיגען, נאר ווען עס קומט צו שטיצען די אידען אין זייער קאמף געגען די קוויבעקער אנטיסעמיטען שטימט ער ג ע ג ע ן ...

* * *

איך וואלט אייך געקענט ברענגען צעהנדליגע אנדערע ביישפיעלען, וואו אונזער ביבעל ווערט געלויבט אין טאג אריין, נאר פאר אונז גופא — דאס פאלק פון דער ביבעל — איז קיין ברעקעל ליעבע און קיין ברעקעל דרך-ארץ ניטא.

אט דאס איז אייגענטליך דער גרעסטער קוריאז פון דער גאנצער סיטואציע. באמערקט האב איך עס, מערער ווי ביי איין געלעגענהייט, און אין דעם ליגט טאקע די גרויסע אידישע טראגעדיע.

איינגאנצען פאר דער "באַיבעל" און גארניט פאר אונז.

* * *

פארוואס האט דער קוויבעקער פרעמיער ניט געשטימט פאר'ן ביל צו באקעמפען אנטיסעמיטיזם אין זיין פראווינץ?

ער האט די דאזיגע פראגע פארענטפערט דערמיט וואס דורך דעם וועט געשטעלט ווערען די פרייהייט פון דער פרעסע אין געפאר.

געווים וואלט די דאזיגע טענה געקאנט זיין א גערעכטע און איך פערזענליך וואלט געוועזן דער לעצטער צו פאדערען א צענזור אויף דער פרעסע אין קאנאדע. עס מוז דאך אבער קענען געצויגען ווערען א ליניע צווישען פרייהייט און פרייהייט.

וויסען מיר דאך, אז ווי נאר די קאמוניסטישע פרעסע און די גאנצע קאמוניסטישע באוועגונג איז אין קאנאדע באטראכט געווארען אלס א געפאר פאר דער רוה און ארדנונג פון לאנד, זענען אלע שעהנע פרינציפען וועגען פרייהייט פון ווארט, פרייהייט פון פרעסע און פרייהייט פון פארזאמלונג, זעהר שנעל פארגעסען געווארען.

טא פארוואס זשע זאל די אנטיסעמיטישע באוועגונג אין קוויבעק ניט באטראכט ווערען פון דעם זעלבען שטאנדפונקט?

איז דען די אנטיסעמיטישע באוועגונג ווענינער שעדליך ווי די קאמוניסטישע?

אין מיינע אויגען, יעדענפאלס, איז די ערשטע פיעל שעדליכער ווי די צווייטע.

די אידען פון קוויבעק האבען אלע אורזאכען צו זיין צופרידען מיט דעם פאקט אליין וואס א דאנק דער דעבאטע אין פראווינציעלען פארלאמענט, איז די פראגע פון אנטיסעמיטיזם מעהר ניט געווארען א הינטער-קוליסען פראגע, נאר א ברענענדיגע טאג-פראגע וועלכע האט צוטאן מיט'ן וואוילזיין פון יענער פראווינץ.

אבער מיט מיין טענה, אז די קריסטליכע וועלט האט אונזער ביבעל צעהן מיליאן מאל מעהר ליעב ווי אונז גופא, האט עס ניט וואס צו טאן.

פארקעהרט. דאס באשטעטיגט מיין ארגומענט, און עס צייגט אז איך בין גערעכט.

ווילנע

פון דעפוטאט יצחק גרינבוים

דער ארטיקעל "ווילנע" איז געשריבען געווארען פון דעפוטאט יצחק גרינבוים פאר דער אידישער צייטונג "נאַוואַ סלאָוואָ" וועלכע ערשיינט אין ווארשא אין דער פוילישער שפראך. די פוילישע צענזור האט אבער קאנפיסקירט דעם נומער פון דער צייטונג אין וועלכען דער ארטיקעל איז ערשינען. דער אידישער טעלעגראפען אגענטור אין לאנדאן איז אבער געלונגען צו באקומען א נומער פון דער קאנפיסקירטער צייטונג און גיט עס דא אין א ווערטליכער איבערזעצונג.

די רעדאקציע.

וואס קומט פאהר אין ווילנע? וואס איז מיט ווילנע געשעהן? מיט די אידען אין ווילנע?

זייט די דענקווירדיגע אקאדעמיקער אונרוהען, וואס האבען זיך אין ווילנע תיכף איבערגעטראגען אויפ'ן גאס, און זיך פארוואנדעלט אין א פאגראם, שטעל איך זיך די דאזיגע פראגע און קען אויף זיי ניט געפינען קיין באפרידיגענדען ענטפער.

איך געדענק די צייטען, ווען מען האט פשוט געזוכט צו געפינען חן אין זייערע אויגען. איידער ווילנע איז פארנומען געווארען דורך גענעראל זשעליגאווסקי איז זאגאר געווען א מאמענט, ווען אין אייניגע קעפ איז ענטשטאנען דער געדאנק אוועקצוגעבען א איד א פארטפעל אין דער צייטווייליגער רעגירונג פון מיטעל-ליטע, וועלכע מען האט געהאלטען ביים שאפען. דער דאזיגער מאמענט האט געדויערט זעהר קורץ, און דער געדאנק האט אין ערגעץ ניט געפונען זיין אויסדרוק, מען האט איהם פארלאזען איידער מען האט איהם נאך ארוים געזאגט. דער געדאנק האט אבער עדות געזאגט, אז מען האט זיך אפגעגעבען א חשבון פון דעם געפיהל פון די ווילנער אידען, פון דער פאליטישער ראל פון דער דאזיגער שטאדט, וועלכער האט א משונה-דיגען טראגישען גורל, פון דער שטאדט, וואס די אידען רופען ירושלים דליטא.

די פאליאקען באטראכטען זיי אלס איינעם פון זייערע קולטור-צענטערן און די ליטווינער — אלס זייער פארלוירענע הויפט שטאדט, וואס זיי הערען ניט אויף שטרעבען זי צוריקצובאקומען. אין קאמף פאר ווילנע האבען די אידען געקענט ווערען א וויכטיגער פאקטאר. מען האט וועגען דעם געוואוסט און דערמיט זיך גערעכענט ,אפילו נאכ'ן פארנעהמען ווילנע.

ווען מען האט פארווארפען יעטווידער געדאנק וועגען צוציהען די אידען צו א וועלכען עס איז, זאל זיין דעם קלענסטען אנטייל אפילו אין דער רעגירונג.

פון די אנהויב שטימונגען פון ווילנער אידענטום האט די פוילישע מאכט און די פוילישע עפענטליכע מיינונג ניט געקענט זיין צופריעדען.

די ערשטע באגעגעניש איז, כידוע, געווען א בלוטיגע. עס זיינען געפאלען צאהלרייכע קרבנות מצד די אידען, אויף פוילישער זייט איז ענטשטאנען א לעגענדע וועגען דעם, אז די אידען האבען באגאסען די פוילישע זעלנער מיט קאכעדיג וואסער און דאס גלייכען. געוועהנליכע לעגענדעס וואס ווערען געבארען כדי צו בארעכטיגען אנפאלען אויף אידען, נאכהער האט זיך אלץ ווי עס איז איינגעארדנעט. מצד די אידען זיינען ניט געווען קיין שום "פיינדליכע" ארויסטרעטונגען: פארקעהרט, זיי האבען זיך גיך איינגעלעבט אין די נייע באדינגונגען. זייער לאיאליטעט לגבי דעם שטאאט איז כסדר געוואקסען.

אין א פארקעהרטער ריכטונג האט זיך ענטוויקעלט די באציהונג צו אידען. אין די ערשטע יאהרען האט זיך געדוכט, אז אין ווילנע וועט ענטשטעהן אזא צענטער פון פוילישען לעבען, אין וועלכען עס וועט זיך איינפונדרעווען א הארמאניש צוזאמענלעבען צווישען פאליאקען און אידען, אז פון ווילנע וועלען זיך איבער גאנץ פוילען צוגעהן די שטראהלען פון דעם דאזיגען צוזאמענלעבען.

די דעפוטאטען פון ווילנער קרייז, וואס זיינען געקומען אין ערשטען, קאנסטיטואירענדען סיים, האבען כמעט אלע געשטרעבט צו א פערשטענדיגונג מיט אידען. אייניגע האבען אפילו געגעבען גערעכט די אידישע נאציאנאלע פארטייען, און דא און דארט האט זיך געפונען אזא איינער, וואס איז געווען גרייט ארויסצוטרעטען פון דער סיים-טריבונע אין פארטיידיגונג פון אידען. די פון ווילנע שטאמענדע פוילישע פאליטיקער האבען זיך ארויסגעזאגט פאר באריקזיכטיגען די אידישע נאציאנאלע פאסטולאטען אויפ'ן געביט פון שול-וועזען און קולטור. דער געוועזענער סענאט-ספיקער שימאנסקי האט זאגאר אינטערוועגירט אין בילדונגס מיניסטעריום וועגען באשטימען סובסידיעס פאר'ן שול-וועזען מיט דער אידישער אונטערריכטס שפראך. אין ווילנער שטאדט-ראט האט מען אהן שום קאמף אנערקענט די נויטווענדיגקייט צו ערטיילען סובסידיעס די אידישע שולען, הן מיט דער העברעאישער, הן מיט דער אידישער אונטערריכטס-שפראך, נעהמענדיג דערביי אלס פארטיילונג-יסוד דעם פראצענט זאץ פון דער אידישער באפעלקערונג. אויף דער ווילנער אוניווערזיטעט זיינען די באציהונגען געווען בעסערע, ווי וואו עס איז אנדערש.

הייסט עס בכן אן אידיליע. ניט לגמרי. כדי צו פארקלענערען דעם פראצענט אידען האט מען צו דער שטאדט ווילנע פאראייניגט אין א גאנץ ווייטען ראדיוס די ארומיגע פוילישע דערפער. וואס ווייטער, האבען אלץ מעהר איבערגעוואויגען שעהנע ווערטער, פרומע וואונשען, אבער קיין מעשים זיינען ניט געווען.

בהדרגה זיינען אויך די ווערטער געווארען וואס אמאל קעלטערע, און אין האלב אפיציעלע און אפיציעלע געשפרעכען האט זיך כסדר אלץ הילכיגער ארויסגעהערט דער אייביגער רעפרעין, מיט וועלכען מען ווענדעט זיך צו די שוואכע: "נאך אהן אילוזיעס' !

דערוויילע אבער איז דער "לאיאליזם" פון דער אידישער באפעלקערונג אין ווילנע געוואקסען. דער געברויך פון דער פוילישער שפראך אין טעגליכען אומגאנג האט געמאכט בעדייטענדע פארשריטען. מען איז צוגעטרעטען שאפען די אזוי גערופענע שבאבאסובקעס (שולען מיט פוילישער אונטערריכטס שפראך פאר אידישע קינדער) און עס האט זיך ארויסגעוויזען — גארניט ווי מען האט זיך געריכט, אז פאר די דאזיגע שולען האט גארניט געפעלט קיין אידישע קינדער. די סענאציע צייטונגען האבען מיט טריאומף קאנסטטואירט דעם דאזיגען אומשטאנד. אין אידישען סוחר'טום, אין די פאלקיסטישע קרייזען און זאגאר אין געוויסע ציוניסטישע האבען אנגעהויבען וואקסען די אונאדא שטימונגען. זאגאר ווישליצקי האט געקריגען אנהענגער, ריכטיגער אפשר - שותפים און קליענטען.

און פלוצלינג זיינען געשעהן די אקאדעמישע ארויסטרעטונגען. דער מארש אויף דער זאוואלנא, אויף די דייטשע גאס, אויף די אידישע קווארטאלען אין ווילנע. דאס צושטעהן פון מענשען אין שטיוועל און פויערישע טולופען, אנפאלען אויף אידען, שויבען-האקעריי אין אין געשעפטען, און אנהויב פון רויבעריי. די אידישע יוגענד, די אקאדעמישע און אנדערע פארטיידיגט זיך. אין קאמף פאלט א טויטער, א פוילישער אקאדעמיקער. די פאליציי פראטאקאלען ווערען דאס רוב צוזאמענגעשטעלט געגען די אידען. די אויספארשונג ווערט געפיהרט געגען די בעפאלענע, וואס האבען געהאט די העזה צו פארטיידיגען זיך. און איבער אלעמען דאמינירט דער ווילען און די בארערפטעניש צו געפינען דעם אויספיהר פון "מארד" וועגען וועלכען עס וואקסען די לעגענדעס. פון ווילנע, פון וואוהין עס האבען זיך געזאלט פאנאנדערגעהן די שטראהלען פון פארשטענדעניש פאר די אידישע פאסטולאטען, געהט די לעגענדע וועגען "דורך זשידעס ערמארדעטען", די לעגענדע, וואס וועקט שנאה, נקמה דורשט. עס האבען א ציטער געטאן יענע פאליטיקער, וואס זענען געגאנגען צו דער רעגירונג מיט אן אינטערווענץ פאר די אידישע שולען. דער געוועזענער סענאטס-ספיקער שימאנסקי האט ניט אויסגעהאלטען. אין די פרעסע-ארויסטריטען פון די ווילנער פארשטעהער אין רעגירונגס לאגער האבען זיך דערהערט בולט אנטיסעמיטישע טענער. עס איז ארויסגעטרעטען א פארשטענדעניש פאר דער "שלאגענדער" פוילישער אקאדעמישען יוגענד, מען האט אנגעהויבען אונטערשטרייכען וואס אידען "שטופען זיך" צופיעל אין אוניווערזיטעט. זייער "צושטארקען" אייפער, פלייס און, פארשטעהט זיך, די אידישע פעהיגקייטען וועלכע רייצען, באאונרוהיגען און סטימולירען צו ווידערשטאנד, צווינגען צו "בענדיגען" זיי. און נאכהער האבען זיך אנגעהויבען פראצעסען, עס האבען זיך א שאט געטאן אורטיילען, געגען די גאט די נשמה-שולדיגע אידען, געגען די אידען, וואס זייער חטא איז געווען דאס, וואס זיי האבען זיך פארטיידיגט, בעת מען איז בעפאלען זיי אדער זייער ברודער. און איבער אלעמען דאמינירט דער פראצעס וועגען "מארד". מען האט געפונען צוויי קרבנות. איינעם האט מען אבער געמוזט באפרייען. דער גורל פון אנדערען ווערט נאך ענטשידען. און קלאנגען קומען באאונרוהיגענדע. עס מעהרען זיך סמנים, וואס די יעניגע, וועלכע האבען זיך זיינער צייט פון דער נאהענט צוגעקוקט דער ענטוויקלונג פון שטיינער-פראצעס, דערמאהנען זיך די אינסצעניזאציע פון דעם דאזיגען פראצעס. עס באווייזען זיך עדות, פונקט ווי אין לעמבערג האט זיך געפונען א פרוי ,אן עדות, וואס האט "אליין געזעהן"... מיט איין ווארט, עס ליגט אימיצען דערין, אז צו איין קרבן פון דער אנטי-אידישער העצע זאל צוקומען נאך א צווייטער, אלץ איינס, א שולדיגער אדער אונשולדיגער: אימיצער מוז באשטראפט ווערען פאר'ן "מארד".

עס ענטשיידעט זיך דער גורל פון דעם באשולדיגטען אין "מארד", פון די באשולדיגטע אין באטייליגען זיך אין די שלעגערייען. און דערוויילע וואקסט דער

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

בריעף

(ב י ל ד)

פון פנחס בערניקער.

די ערשטע פאר וואכען איהרע אין נייעם לאנד זיינען פאר איהר געווען א שווערע לאנג דויערענדע צייט. די טעג זיינען געווען אומעטיגע, מורא-דיג טרויעריגע. קיין ארבייט האט זי נאך ניט געהאט, האט איהר יעדער טאג ווי א יאהר אויסגעזעהן.

די נייע מענשען האבען איהר אויסגעוויזען צו זיין שווערע, מאסיווע. יעדער איינער, ווי נאר מיט זיך אליין פארנומען און אויסער זיין אייגען לעבען אינטערעסירט איהם קיין זאך ניט.

ניט האבענדיג קיין ארבייט איז זי כמעט גאנצע טעג אין שטוב געזעסען, אויסער אינדערפריה און נאך מיטאג — ווען איהרע מיט קווארטיראנטקעס פלעגען אוועקגעהן צו דער ארבייט, פלעגט זי אויך מיטגעהן מיט זיי. יעדער מאל, מיט אן אנדערע האפנונג אז ביי דער אין פאבריק וועט זי זיך געפינען ארבייט. דער אפזאג פון פאבריקאנט פלעגט איהר יעדער מאל באליידיגען, עס האט איהר טיעף געקרענקט דער נידעריג מאכען זיך פאר יענעם און א היים פלעגט זי זיך אומקעהרען א טיעף ענטוישטע און צובראכענע.

די פינף אייזערנע בעטלאך — וועלכע האבען פארנומען דעם גאנצען ארום פון צימער — מיט ווייסע לייליכער באדעקט צוזאמען מיט דער קאך מאשינקע וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל פון צימער, אויף א קעסטעל ארומגעקלעפט פון פאפיר, האבען אויף א איהר א מורא ארויפגעווארפען, זי האט זיך ווי געשראקען פאר דעם. די פוסטקייט פון צימער האט איהר אומעט פארפלאפאכט און מיט א טיעף נאגענדע בענקשאפט, נאך עפעס אומדערגרייכבארעס, פלעגט זי זיצען גאנצענע טעג און אפטמאל אויך שטיקער פון דער נאכט און טראכטען פון איהר פארגאנגענעם לעבען וועלכער איז איהר איצטער זעהר טייער און ליב געווארען.

איהרע פיער מיט-קווארטיראנטקעס האבען איהר אומעט ניט פארלייכטערט. זיי פלעגען קומען פון דער ארבייט שטארק פארמאטערט. קוים וואס זיי האבען באוויזען ארומצוואשען זיך און נעהמען עפעס אין מויל אריין פלעגען שוין די אויגען זייערע קלעפען זיך פון מיעדקייט און מיט די לעצטע כחות פלעגען זיי זיך אין די בעטלאך אריינווארפען.

דער שווערער אומנאטירליכער לעבען פון די פיער מיידלאך האט אויף איהר שלעכט געווירקט. זי האט שטארק מיטגעפיהלט און באדויערט זייער פינסטערען גורל אין לעבען. צוזאמען מיט זייער מיטגעפיהל צו זיי האט זיך ביי איהר אין הארצען אנגעהויבען וועבען א רחמנות געפיהל צו זיך אליין. אין איהרע ביינאכטיגע לאנגע, שלאפ'לאזע שעה'ן, ווען זי פלעגט א צושראקענע דערהערען דעם מיעדען, הייזעריגען כראפען פון ארום און ארום האט זיך איהר געדאכט אז דאס איז ניט קיין מענשליכער כראפען נאר א ווילד מאנענדיג ברומען פון א טיעף פארוועהטאגטן וועזען. זי פלעגט ניט קענען אריבערטראגען דעם פיינליכען שלאפען זייערען און איינגעוועהנדיג איהר קאפ טיעף אין קישען פלעגט זי בלייבען ליגען אומבאוועגליך....

* * *

די ערשטע פאר שפאנישע ווערטער וואס זי האט זיך אין קובא אויסגעלערענט זיינען געווען "איי קארטאס?" (עסאיז דא בריעף). זי האט זעהר געבענקט נאך א בריעף. זי איז זעהר גערן געווען צו זעהן א לעבעדיג ווארט פון א נאהענט הארציג איבערגעגעבענעם פריינט. געמיינט האט זי, אז דער בריעף וואס זי וועט באקומען וועט פיעל פארלייכטערן איהר שווערען געמיט, וועט גרינגער מאכען איהר גרויזאמען לעבען. איהר גאנצער וועזען, אלע איהרע מחשבות און געדאנקען זיינען געווען געווענדעט אויף איין פונקט "בריעף". און דערפאר טאקע, איז יעדער מאל וואס זי פלעגט נאר דערהערען די ווי א דריי פייפען, און אנזאג אז דער בריעף טרעגער איז שוין דא, פלעגט זי שנעל ווי א בליץ אראפפליהען די אכציג, ניינציג טרעפ פון בוידעם-שטיבעל אונטען אין הויף און מיט איהרע שטומע הילפלאזע אויגען קוקען אויפ'ן בריעף-טרעגער קוים אויסריידענדיג " אוי קארטאס ?"

און אט געהט זי שוין צוריק אויף די טרעפ און דריקט פעסט צו א פאפירעל צו איהר הארץ, זי האלט דעם קאנווערט שטארק אין איהר האנט און באטראכט עס פון אלע זייטען, פונקט ווי דאס וואלט איהר גאנצער פארמעגענס געווען. דער איינציגער ליכטיגער פונק אין די געדריכטע פינסטערניש פון איהר לעבען. זי געהט לאנגזאם זייענדיג שטארק פארמאטערט פון איהר נאר וואס'יקען אראפלויפען די טרעפ און פון צופיעל אויפגערעגטקייט. דעם בריעף עפענט זי נאך ניט וועלענדיג אנשפיעלען זיך פריהער מיט איהם. פארזיכטיג האט זי שוין ליגענדיג אין בעטעל דעם בריעף געעפענט און ווי זי האט נאר איבערגעלייענט : 'צו מיין ליעב טייער קינד מירעלע", איז זי שטארק נערוועז געווארען און זי האט אנגעהויבען צו פליהען איבער די שורות פון זייטען פון בריעף און מיט אמאל האט זי זיך צעוויינט. גענוי ווייס זי אליין ניט פארוואס זי האט זיך אזוי ביטערליך צוויינט. עפעס די מאמעס צופיעל גוטסקייט און איבערגעבענהייט האט עס אזוי צוווארימט איהר יונג הארץ. אט דאס וואס די מאמע ווענדעט זיך צו איהר מיט אויסערגעוועהנליכער ליעבע און צערטליכקייט : אז אויב איהר איז ניט זעהר גוט זאל זי ניט דאגה'ן, זי קען קומען צוריק אהיים. זי איז חלילה ניט קיין איבעריגע ביי זיי און השי"ת גאט וועט העלפען און עס וועט בעסער ווערען. אט די טיעף ריהרענדע איבערגעבענהייט האט עס ביי איהר די טרעהרען ארויסגערופען. עפעס האט זי מיטאמאל איהר גאנצע אומבאהאלפענקייט דערפיהלט און ווי אן אומבאהאלפענע איז זי געבליבען ליגען אין בעט און דער מבול פון טרעהרען האט זיך נאך פארגרעסערט.

נאר א סך ערגער האט זי זיך געפיהלט ווען זי האט זיך אומגעקעהרט פון בריעף-טרעגער מיט ליידיגע הענט. זי האט זיך דאן געזעהן ווי א זעהר עלנדע, ווי א פארשטויסענע און פאריאגטע פון אלץ און פון אלעמען. זי האט זיך געשפיערט ווי יענער אלטער בלינדער ארעמאן וואס איז א גאנצען ווינטערדיגען טאג מיט אויסגעשטרעקטע האנט אין א ווינקעל גאס אפגעשטאנען און פאר נאכט האט ער אפילו קיין סענט אין האנט ניט געפונען. עס האט זיך איהר געדאכט אז אין דער גאנצער צער, גרויסער, און ברייטער וועלט איז ניטא אפילו איינער וועלכער פיהלט מיט אין איהר צער און וועהטאג.

* * *

אז זי האט אנגעהויבען צו ארבייטען אין א פאבריק האט איהר אזוי פיעל ניט אויסגעמאטערט די ארבייט ווי דאס וואס זי האט ניט געקענט אפהיטען דעם בריעף טרעגער ווען ער קומט. זי האט זעהר מורא געהאט, אז דער בריעף וועט נאך פארלארען געהן ביי דער ענקארגאדע (רזשענייטארשע), אז זי וועט נאך איהם, בטעות, אפגעבען אימיצען אנדערש און נאך אזעלכע טויזענטער חשדים פלעגען איהר קריכען אין קאפ אריין. די געדאנקען איהרע האבען איהר א גאנצען טאג רוהען ניט געלאזט. זי פלעגט מורא'דיג נערוועז זיין און מיט'ן גרעסטען אומגעדולד ווארטען אויף דער מינוט ווען עס וועט זיך דערהערען, פון פאבריק דער מאנאטאנער פייף, וועלכער זאגט אן, אז דער שווערער ארבייטס טאג איז שוין געענדיגט.

א גאנצען טאג, ביי דער ארבייט, פלעגט זי זיין זיכער אז אין דער היים ווארט אויף איהר א בריעף. און ווי נאר דער פאבריק פייף פלעגט די לופט דורכשניידען און זי האט אנגעהויבען צו געהן אהיים, פלעגט זיך א ביטערער ספק פארקלייבען בשכנות צו איהר אין הארצען : "אפשר האב איך גאר אומזיסט געווארט? אפשר איז גאר ניטא קיין בריעף פאר מיר ?" אט דער גאליקער צווייפעל פלעגט איהר מאכען פיהלען זיך אומגליקליך און מיט נאך א גרעסערען אימפעט און שנעלערע טריט פלעגט זי אנהויבען שפרייזען אהיים. אין הויף פלעגט זי אריינגעהן כמעט ווי אהן אן אטהעם. די ערשטע זאך פלעגט זי אריינגעהן צו די ענקארגאדע איידער זי האט נאך באוויזען צו עפענען די טיהר האט זיך שוין דערהערט איהר ציטערדיגער קול "איי קארטאס ?" אז זי האט געטראפען א בריעף האט זי זיך דערפיהלט העכסט גליקליך. מיט קינדערשע שנעלקייט פלעגט זי אויפ'ן בוידעם שטיבעל ארויפלויפען און מיט איהר הארציג שטורמישען געלעכטער פרעהלאך מאכען איהרע חבר'טעס. האט זי אבער קיין בריעף ניט געטראפען, האט זי געמיינט

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

די געהיימניס פון עגיפטישען ספינקס אויפגעדעקט

פון ש. גרינבלוי

אין מיטען פון דער דעפרעסיע, פון כינעזיש־יאפאנישען מלחמה קריזים און אנדערע גרויסע וועלט פאסירונגען וואס שמיערען צו די אויפמערקזאמקייט און אינטערעס פון דורכשניטליכען מענש, זענען דא מענשען וועמענ'ס גאנצער אינטערעס ליעגט אין פארשען און גראבען אין פארצייטיגע חורבות צו ענדעקען עטוואס נייעס פון דער געשיכטע פון דער וועלט פון דער ווייטער פארגאנגענהייט, און ביי וועלכע די ענטדעקונג פון א פארצייטיגען לעהמענעם קריגעל אדער א סטאטוע טיעף אונטער די אויבערפלעכע פון דער ערד איז פון גרעסערער וויכטיגקייט ווי יאפאנ'ס פארכאפונג פון שאנכאי, אדער דייטשלאנד'ס אפטרייסלען זיך פון די מלחמה רעפאראציעס.

יענע גריבלער און פארשער פון אלטערטום זענען די ארכעאלאגען געמענט וויסענשאפט ארכעאלאגיע (בוכשטעבליך ,,לעהרע פון אלטערטום'') פארנעהמט דעם מיטעל פונקט צווישען געאלאגיע און היסטאריע. געאלאגיע האט צו טאן מיט דער געשיכטע פון אונזער ערד אין דער ווייטער פארגאנגענהייט, וועהרענד ארכעאלאגיע האט צו טאן מיט דער געשיכטע פון דער מענשהייט אין דער ווייטער פארגאנגענהייט, אין די זאגענאנטע פאר־היסטארישע צייטען. ארכעאלאגיע גע־דינגט זיך דארט וואו עס הויבט זיך אן היסטאריע, ד. ה. וואו די געשיכטע פון דער מענשהייט ווערט באגרינדעט אויף דאקומענטען, שריפטען און לעגענדען. אבער וועהרענד דער היסטאריקער קען זיך גריבלען אין אלע מאנוסקריפטען און צוזאמענשטעלען א מעהר אדער ווייניגער גענויע געשיכטע ביז מיט עטליכע טויזענט יאהר צוריק, מוז דער ארכעאלאג זוכען זיין מאטעריאל פאר די געשיכטע פון די פריהערדיגע יאהר־טויזענטע, אין טיעפענישען פון דער ערד אין שיכטען וואס זענען אמאל געווען אויף דער אויבערפלעכע, אבער וואס זענען אין פארלויף פון אן אונגעהויערען משך פון צייט בארעקט געווארען מיט אנדערע נייע שיכטען, אזוי דאס וואס עס איז געווען אמאל אויף דער אויבערפלעכע קען זיך געפינען איצט פופציג־זעכציג פיס טיעף און נאך מעהר. אין געגענזאץ צו דעם היסטאריקער קען אבער דער ארכעאלאג, וועלכער איז אייגענטליך דער היסטאריקער פון די פאר־היסטארישע צייטען, ניט זיין אזוי גענוי צו באשטימען דאטומס פון דעם אדער יענעם ארכעאלאגישען מאטעריאל, אלעס וואס ער קען טאן איז בלויז זיך משער זיין וועגען די צייט און אפשטאמונג פון דעם אויסגעגראבענעם מאטעריאל. דאך האט די ארבייט פון ארכעאלאגישע פארשונגען פאר די לעצטע פופציג יאהר געמאכט אזא ריזיגען פארטשריט, דאס די היסטארישע צייט איז אוועקגערוקט געווארען מיט א פאר טויזענט יאהר פריהער. טי צבש. די ענטדעקונגען פון די אויסגראבונגען אין פארצייטיגען בבל, קיש, ננוה, ווי אויך די אויסגראבונגען פון טעל אמארנו וואס האבען געגעבען א כמעט גענויע געשיכטע פון פארצייטיגע ציוויליזאציעס, פון קעניגע און זאגאר פון פעלקער וועלכע מען האט פריהער ניט געהאט קיין אנונג.

לעצטענס איז די ארכעאלאגישע וויסענשאפט באריייכערט געווארען פון נייע אויסגראבונגען פון פארצייטיגע אוצרות פון אונגעהויערען קולטורעלען ווערט, פון וועלכע די מערקווירדיגסטע זענען די אויסגראבונגען פון דעם דייטש־אידישען ארכעאלאג באראן מאקס פון אפענהיים, אין מעסאפאטאמיען (אירא), און די ענטדעקונגען פון א פארצייטיגען קבר אין מעקסיקא פול מיט אנטיקען גאלד, פערל און עדעלשטיינער.

באראן אפענהיים האט געמאכט זיינע אויסגראבונגען אין טעל כאלאף, מעסאפאטאמיען (איראק), וואו ער האט פארבראכט גאנצע צוויי יאהר און ענטדעקט חורבות פון פארצייטיגע טעמפלען און פאלאצען, סטאטוען און פארשידענע אנדערע קונסט ווערט פון אם ווייניגסטע פינף טויזענט יאהר צוריק, מאנכע פון זיי זענען אבער זיכער נאך יאהר־טויזענטער עלטער; ער האט געבראכט קיין בערלין די מאסע אויסגעגראבענע אנטיקען און מיט דעם געעפענט א ספעציעלען מוזעאום וואס טראגט דעם נאמען ,,טעל כאלאף מוזעאום''.

צווישען באראן אפענהיים'ס אנטיקען געפינען זיך וואונדערליכע סטאטוען פון האלב מענש, האלב חיה, אדער האלב מענש, האלב פויגעל ביז 20 פוס הויך. דאס וויכטיגסטע אבער פון באראן אפענהיימ'ס ענטדעקונגען זענען סטאטוען עהנליך צו דעם עגיפטישען ספינקס, און אזוי ווי יענע מעסאפאטאמישע ספינקסען מוזען זיין פיעל עלטער פון דעם עגיפטישען ספינקס, דרינגט דערפון באראן אפענהיים, אז די אידעע פון ספינקס האבען די פארצייטיגע מצריים איבערגענומען פון מעסאפאטאמיען.

נאר צוערשט עטוואס וועגען דעם באריהמטען ספינקס וואס זיכער יעדער לעזער האט געמוזט הערען.

,,ספינקס'' שטאמט פון א גריכישען ווארט, א נאמען וואס איז געגעבען געווארען צו פיגורען פון האלב מענש האלב חיה, אדער האלב פויגעל, וואס האבען געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער סימבאליסטיק פון דער מיטאלאגיע פון גריכענלאנד, די כנענישע פעלקער, די באבילאנער און עגיפטער. ווען מיר זאגען ,,דער ספינקס'', ווערט דערמיט געמיינט די געהיימניספולע ריעזיגע פיגור וואס געפינט זיך ניט ווייט פון גיזא, עגיפטען, א וואסער פערטעל מייל פון דער זאגענאנטער גרויסער פיראמידע. דער ספינקס פון גיזא איז א קאלאסאלע פיגור 172 פוס הויך און 56 ברייט, אויסגעהאקט פון סאלידען שטיין. די פיגור האט א קערפער פון א לייב און א קאפ פון א מענש מיט א ריעזיגען געזיכט, אויף וועלכען עס שיינט זיך אפשפיגלען א שמייכעל, געווענדעט צום מזרח. מען איז זיך משער, אז דער ספינקס איז געבויט געווארען אונטער דער הערשאפט פון פרעה כא־עף־רע, וועלכער האט געלעבט א פאר יאהרהונדערטע בעפאר יציאת מצרים פון אידישען פאלק, מעגליך אז דער ספינקס איז געבויט געווארען פון דעמזעלבען פרעה פון יוספ'ס צייט. די ארבייט פון אויסהאקען אזא קאלאסאלע פיגור פון סאלידען שטיין האט געמוזט זיין נאך א פיעל שווערערע ווי דער בוי פון די פיראמידען. מאדערנע אינזשינערען קענען ניט באגרייפען ווי אזא ריעזיגע מאסע שטיין האט געקענט טראנספארטירט און באארבייט ווערען אהן מאדערנע מאשינעריע. ווער ווייסט וויפיעל שוויים און בלוט פון טויזענטע שקלאפען עס האט אפגעקאסט צו שאפען די פיגור!

דער ספינקס פון גיזא איז געווען א גרויסע רעטעניש פאר די עגיפטאלאגען וועלכע האבען ניט געפונען קיין גענוגענדע ערקלעהרונג וועגען די באדייטונג פון ספינקס וועמענס ,,שמייכלענדער'' פנים קען געזעהען ווערען פאר פיעלע מיילען איבער די זאמדיגע וויסטעניש.

באראן אפענהייט גלויבט צו האבען געפונען אן ענטפער צו דעם רעטעניש אין זיינע ענטדעקונגען פון טעל כאלאף. פארגלייכענדיג די פארשידענע אריגינעלע ספינקס פיגורען וואס ער האט אויסגעגראבען אין טעל כאלאף איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז זיי סימבאליזירען חכמה און מאכט, און דער ספינקס פון גיזא וועמעס בויער האבען געמוזט נעהמען די אידעע פון די מעסאפאטאמישע ספינקס'ן רעפרעזענטירט אויך חכמה און מאכט. דער קערפער פון לייב סימבאליזירט מאכט, וועהרענד דער מענשליכער קאפ רעפרעזענטירט חכמה, אינטעליגענץ. דער פרעה וועלכער האט געלאזט שטעלען אזא גיגאנטישען מאנומענט פאר איהם, האט דערמיט געוואלט אויסדריקען אז ער באזיצט אי חכמה אי מאכט.

באראן אפענהיים גיט אבער ניט קיין ערקלעהרונג פארוואס דער פנים פון ספינקס איז אזוי געווענדעט צום מזרח פונקט ווי א לעבעדיגער מענש ווענדעט זיין בליק אויף א געוויסען געגענשטאנד מיט אזא מינע צו קאנצענטרירען זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט דערויף. דער ענטפער דערויף איז פיליכט, אז דער פרעה פאר וועמען דער מאנומענט איז געשטעלט געווארען האט דערמיט געוואלט געבען א סימבאלישע ווארנונג צו דעם מזרח, דעם לאנד כנען און סיריען, וואס זענען א צייט געווען אונטער עגיפטישער הערשאפט, דאס יענע לענדער זאלען ציטערען פאר זיין מאכט און חכמה...

באראן אפענהיים'ס השערה וועגען די באדייטונג פון ספינקס, וועט ווארשיינליך אנגענומען ווערען פון די עגיפטאלאגען אלס בעסטער און ווארשיינליכסטע לייזונג פון דעם רעטעניש.

באראן אפענהיים ציהט נאך א ברייטערען שלוס פון זיין ערקלעהרונג וועגען דעם עגיפטישען ספינקס. ער ווייזט אן דאס די קונסט אנטיקען וואס ער האט אויסגעגראבען אין טעל כאלאף אויף א טיעפעניש, ווייט טיעפער פון דער באבילאנישער שיכטע (ד. ה. פון דער שיכטע פון דער ערד וואו עס זענען געפונען געווארען זאכען פון פארצייטיגען בבל) זענען פיעל עלטער פון דער עגיפטישער ציוויליזאציע, און אזוי ווי זיי זענען שטארק עהנליך צו די עגיפטישע קונסט ווערק, מוז מען דרינגען, אז די עגיפטיער האבען איבערגענומען זייער קולטור און ווארשיינליך אויך זייער רעליגיאן פון יענעם פארצייטיגען פאלק פון מעסאפאטאמיען.

דאס מוז ברענגען צו א נייער השערה: זענען די אלטע מצריים געקומען פון מעסאפאטאמיען, און דאס פאלק וועמענס קונסטווערק, געפינען זיך איצט אין באראן אפענהיים'ס מוזעאום זענען געווען די אור־עלטערן פון די מצריים? אזא השערה וואלט מעהר געשטימט מיט דער פעלקער גענעאלאגיע פון תנ''ך.

די צווייטע ניט ווייניגער אינטערעסאנטע ארכעאלאגישע ענטדעקונג איז געמאכט געווארען אין מעקסיקא. אלפאנסא קאסא, א באוואוסטער מעקסיקאנער ארכעאלאג, האט, גראבענדיג אין די חורבות פון א פארצייטיגע מעקסיקאנער שטאדט ביים בארג אלבאן אין יוקאטאן, דרום מעקסיקא, ענטדעקט א קבר פון א פארצייטיגען קעניג פון דעם פאלק זאפאטעקען, וועלכע, ווי מען איז זיך משער האבען געהערשט אין יוקאטאן יאהרהונדערטע בעפאר די שפאניער אונטער קארטעז'ן האבען פארכאפט מעקסיקא. אין דעם קבר איז געפונען געווארען א מאסע ציערונג פון ריינעם גאלד און פארשידענע באציערונגען מיט פערל און עדעלשטיינער. דאס איז צום ערשטען מאל וואס עס ווערט ענטדעקט אזא ווערטפולער אוצר אין מעקסיקא, דען די שפאנישע עראבערער האבען אויסגערויבט אלע טעמפלען און קברים פון די פארצייטיגע מעקסיקאנער.

דער ענטדעקטער קבר אין מעקסיקא איז אדער פארקוקט געווארען פון די שפאנישע עראבערער אדער די פארצייטיגע שטאדט איז שוין צו יענער צייט (אין 1519) געווען א וויסטעניש און די שפאניער האבען ניט געפונען פאר נויטיג צו זוכען דארט אוצרות. עס איז העכסט ווארשיינליך אז אין דער געגענט מוזען זיין נאך אזעלכע קברים אדער חורבות פון טעמפלען מיט גרויסע אוצרות באגראבען אין זיי.

די וויכטיגקייט פון דעם געפונענעם אוצר אין מעקסיקא איז ניט אזוי אין זיין ווערט וואס באטרעפט א סומע פון א פאר מיליאן דאלאר אדער מעהר, נאר אין דעם וואס עס ווארפט א ליכט אויף די כמעט אומבאקאנטע פארגאנגענהייט פון מעקסיקא. דער אוצר שטאמט פון אן ערך דעם צעהנטען יאהרהונדערט, ווען די זאפאטעקען, ווי ווייט מען קען זיך משער זיין, האבען שוין געהאט פארניכטעט די מאיאס און זייער מערקווירדיגע ציוויליזאציע. חורבות פון שטעדט און טעמפלען פון די מאיאס זענען ענטדעקט געווארען, וואו מען האט געפונען שפורען פון א ציוויליזאציע מערקווירדיג עהנליך צו דער ציוויליזאציע פון די פארצייטיגע עגיפטיער. ווער זענען אבער געווען די מאיאס און פון וואנען זענען זיי געקומען אין מעקסיקא? דאס בלייבט א געהיימניס. זייערע שריפטען אין שטיין און האלץ עהנליך צו די עגיפטישע העריאגליפען זענען נאך עד היום ניט ענטציפערירט געווארען. די מאיאס זענען פלוצלונג פארשוואונדען געווארען מיט זייער גאנצער ציוויליזאציע אין ניינטען אדער צעהנטען יאהרהונדערט. זייער פלאץ האבען פארנומען די זאפאטעקען, וועלכע האבען פיעלעס איבערגענומען פון די מאיאס אבער זענען ווייט ניט געווען אויף אזא אינטעליגענטע שטופע. די זאפאטעקען האבען געהערשט אין יוקאטאן און אויך איבער א גרויסען טייל פון מעקסיקא ביז א צוויי אדער דריי יאהרהונדערטע בעפאר דעם אנקומען פון שפאניער. ווען די שפאניער זענען דארט אריינגעדרונגען, האט שוין אן אנדער פאלק, די אזטעקען געהערשט דארט, וואס האט באזיעגט די זאפאטעקען. שפורען פון זאפאטעקעשע שטעדט אזוי גוט ווי פון שטעדט פון די מאיאס ווערען געפונען איבער גאנץ דרום מעקסיקא און ספעציעל אין יוקאטאן. עד היום האבען מאנכע שטעדט דארט זאפאטעקישע נעמען, איין שטאדט אין יוקאטאן הייסט זאאטשילא, וואס זאל זיין געווען דער נאמען פון דעם לעצטען זאפאטעקישען קעניג.

אינטערעסאנט איז, דאס די זאפאטעקען האבען ניט געגראבען קיין קברים פאר זייערע טויטע נאר האבען געבויעט די קברים אויף דער אויבערפלעכע. דער ענטדעקטער קבר איז געווען אין דער פארמע פון א קיילעכדיגע געביידע געבויעט פון ליים און ערד פעסט צעמענטירט, מיט טרעפלאך ארויף צום שפיץ וואו עס איז געווען אן עפענונג דורך וועלכען דער מת איז ארונטערגעלאזען געווארען צוזאמען מיט אלע זיינע באליעבטע חפצים. די עפענונג איז געווען פארזיגעלט מיט א דעק.

די זאפאטעקען ווי אלע אנדערע אמעריקאנער פעלקער בעפאר דעם אנקומען פון די ווייסע, האבען ניט געוואוסט פון קיינע מעטאלען אחוץ גאלד וואס זיי האבען באארבייט אלס ציערונג, אבער האבען קיינמאל עס ניט באטראכט אלס ווערטפול און פאר זיך ווי ביי אונז, שוין אפגערעדט אז זיי האבען ניט געוואוסט פון באנוצען גאלד אלס געלט.

ווען די שפאניער זענען אנגעקומען אין מעקסיקא האבען זיי אוועקגערויבט אלע גאלד וואס זיי האבען דארט געפונען.

מעקסיקא אליין האט קיינע גאלד־מינען, אבער דערפאר רייכע זילבער־מינען, די רייכסטע אין דער וועלט. מערקווירדיג איז דאס די פארצייטיגע מעקסיקאנער האבען באארבייט גאלד, וואס איז צו זיי אימפארטירט געווארען פון אנדערשוואו, אבער האבען אינגאנצען פארנאכלעסיגט זייערע זילבער־מינען.

אויסשטעהענדער הדסה לאנטשעאן פאר מרס. פרימאן

דער אויסשטעהענדסטער לאנטשעאן פון דער הדסה דאס יאהר, איז אהן צווייפעל געווען נעכטען אין פרימראז קלוב, אויף ווילקאקס סטריט.

די הדסה איז טאראנטא איז בארימט מיט איהרע אונטערנעהמונגען און ביי איהר'ן א לאנטשעאן איז אלע מאל עטוואס נייעס און מען קען הערען א נייע ווארט. נעכטען אבער איז געווען אן אויסערגעוועהנליכער לאנטשעאן, ווייל עס איז געווען לכבוד מרס. איי. דזשיי. פרימאן, די פרעזידענטין פון דער קענעדער הדסה, וועלכע איז ניט געווען אין טאראנטא פאר איבער צוויי יאהר.

דער הויפט רעדנער ביים לאנטשעאן איז געווען ראביי אפרת פון באפלא. אבער עס האט זיך אזוי געמאכט, אז דער לאנטשעאן האט געהאט פיער באזונדערע געסט, איינער פון וועלכע אליין וואלט גענוג געווען צו פארנעהמען א לאנטשעאן, צו מאכען עס אינטערעסאנט.

פארשטעהט זיך אבער, אז דער הויפט גאסט איז געווען מרס. פרימאן, וועלכע די פארזאמעלטע, נאהענט צו דריי הונדערט הדסה טוערינס, האבען געגעבען א שטורמישע אויפנאהמע.

צווישען די אנדערע געסט זענען געווען: צבי יהודה פון נהלל, פאלעסטינע, וועלכער איז דא מיט א מיסיע פאר פריוואטע אונטערנעהמונגען פון פלאנצען פרדסים אין ארץ ישראל. ער האט איבערגעגעבען א גרוס דער הדסה פון דער שול אין נהלל. מר. ראבין, דער נייער רעדאקטאר פון ''סטענדערד'', אויף מ. ווייסגאל'ס פלאץ, און ראביי אפרת.

ראביי אפרת פון באפלא איז א זעהר שעהנער רעדנער. ער האט ביים לאנטשעאן גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פון דער העברייאישער שפראך פאר דאס אידישע פאלק, באוויזענדיג, אז א דאנק דער גרויסער עקשנות פון בן יהודה איז די העברייאישע שפראך געווארען אין ארץ ישראל די טעגליכע שפראך, און אויב דאס האט באווירקט בלויז איין מענש, וויפיעל קענען אויפטאן די מוטערס אויף דעם דאזיגען געביעט איינצופלאנצען די העברייאישע שפראך און פארשפרייטען די שפראך צווישען דער יוגענט.

ראביי אפרת האט געמאכט א וואונדערבארען איינדרוק אויף די אנוועזענדע מיט זיין קורצער באלערענדער רעדע. און דערפאר האבען די פארזאמעלטע אזוי הארציג אויפגענומען דעם דאנק וועלכער איז נאך ראביי אפרת'ס רעדע פארגעלייגט געווארען פון מ. פרענק, דער פרינציפאל פון דער בראנזוויק תלמוד תורה אין נאמען פון דעם העברייאישען קרייז און אויך פאר דער הדסה.

ווען די פארזיצערין, מרס. א. ב. בענעט, פרעזידענטין פון הדסה אין טאראנטא, האט פארגעשטעלט מרס. איי. דזשיי. פרימאן, איז דער גרויסער באל זאל פון פרימראז קלוב פארהילכט געווארען מיט אפלאדיסמענטען און הורא געשרייען.

מרס. איי. דזשיי. פרימאן.

מרס. פרימאן, אויף וועלכער איהר לעצטע קראנקהייט האט געלאזען שפורען, האט מיט באוואונדערונג גערעדט וועגען דער ארבייט פון דער טאראנטא הדסה און האט, ווי איהר שטייגער, ניט אויפגעהערט צו מונטערען די הדסה טוערינס צו ארבייטען הארמאניש, פארטאפלען די כחות צוליעב דעם עקאנאמישען קריזיס, נאך שטארקער מיט מעהר אימפעט זיך צו נעהמען צו דער ארבייט, ווייל דאס לאנד, ארץ ישראל, רופט.

ווען מרס. פרימאן האט זיך געשטעלט רעדען, האט זי מרס. י. קאהן, אין נאמען פון הדסה קאנסיל, פרעזענטירט מיט א שעהנעם בוקעט בלומען, אלס אויסדרוק פון הארציגען ווילקאמען. פון דער מתנה איז מרס. פרימאן געריהרט געווארען ביז טרעהרען.

אויף מרס. פרימאנ'ס רעדע האט געענטפערט מרס. ד. דונקעלמאן, די געוועזענע פרעזידענטין פון טאראנטאר הדסה. מרס. דונקעלמאן האט פארזיכערט דער קענעדער הדסה פרעזידענטין, אז טאראנטאר הדסה וועט זיך מיט מעהר ענטוזיאזם נעהמען צו דער ארבייט און האט באדאנקט דער פרעזידענטין פאר איהר באזוך.

מרס. פרימאן האט אויך באגריסט מרס. א. ב. בענעט די נייע וויצע־פרעזידענטין אין נאציאנאלען הדסה קאנסיל.

דער לאנטשעאן, ווי געזאגט, וועט לאנג פארבלייבען אין זכרון פון די הדסה טוערינס, מיטגלידער און געסט, וועלכע זענען מאנטאג בייטאג געווען אין פרימראז קלוב. דער לאנטשעאן האט זיך פארצויגען ביז פיער א זייגער נאכמיטאג.

דעם לעזערס ווינקל

ווערטער הער רעדאקטאר: —

איך האף אז איהר וועט מיר אלס אייער שטענדיגען לעזער ניט אנטזאגען מיין בקשה צו דרוקען מיין בריעף אין אייער חשובער צייטונג.

צו דער געלעגענהייט פון דער קאנפערענץ וואס דער פאלקס פאראיין געהט האבען די וואך, וויל איך אויסדריקען מיין מיינונג אין באצוג דעם ענין.

דער פאלקס פאראיין איז איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין שטאט וועלכע זי העלפט ארימע קראנקע אין די האספיטעלער ווי אויך אין די סאניטאריומס. מיט זייער הילף לינדערען זיי די שמערצען פון די ליידענדע. ביי יעצטיגער צייט פון קריזים אין שטאדט איז זעהר שלעכט צו אנהאלטען אזא אינסטיטוציע. ניט אלע מעמבערס צאהלען דיוס און אין אלגעמיין אויף ניט צו געבען געפינט מען דאך אלעמאל א תירוץ "שלעכטע צייטען". נאך איינע פון די וויכטיגע אנשטאלטען געפינט זיך אין טאראנטא. און דאס איז די צדקה פעדעראציע, וועלכע העלפט אלע נויט באדערפטיגע געזונטע וועלכע דארפען האבען "צום געזונט". עס איז ניט אפצושאצען די הילף וועלכע די פעדעראציע טוט פאר אלע ארימע אידען פון טאראנטא, ספעציעל היינטיגען שווערען ווינטער.

אזוינע 2 וויכטיגע אינסטיטוציעס פארדיענען אז מען זאל זיי ניט לאזען פאלען. עס איז אבער זעהר שווער צו אויסהאלטען פון איין און דער זעלבער קעשענע ביישטייערען צו ביידע אנשטאלטען.

דעריבער איז מיין פערזענליכע מיינונג אז עס זאל פאראייניגט ווערען ביידע אנשטאלטען צוזאמען אונטער איין נאמען.

מיר האבען שוין געזעהן פארשידענע פאלען, וואו עס קומען פאר צוזאמענגסונגען פון צוויי פאראיינען וועלכע זענען פריהער קליין און נאכהער פאנגען זיי אן ארבייטען אויף א גרויסען מאסשטאב.

צום ביישפיעל צוויי באנקען פאראייניגען זיך אין א "מוירדזשער" א צוזאמענצונג און דאן ווערט גאר א גרויסער געשעפט. דאס זעלבע איז מיט אינסטיטוציעס, בפרט נאך יעצט אין אזא ביטערע צייט וואלט דאס געווען אויסגעצייכענט אז עס זאל זיין איין גרויסער הילפס אנשטאלט אין טאראנטא וואו אלע נויטבאדערפטיגע וואלטען געהאלפען געווארען, ווייל דאן וואלט שוין געווען גענוג מיטגלידער און אלעם וואלט געווען ווי געוואונשען.

האפענטליך אז איהר וועט ערלויבען אלעמען זיך אויסשפרעכען זייערע מיינונגען. עס איז אינטערעסאנט צו הערען וואס אנדערע דענקען וועגען דער וויכטיטיגסטער פראגע. פארבלייב איך,

מיט דרך ארץ,
ס. פושקאוו,
225 מיידזשאר סטריט.

כדאי צו וויסען

מען פארקויפט שוין איצט אפאראטען, וואס מאכען די לופט אין הויז ווארים אין ווינטער און קיהל אין זומער.

דאקטוירים קורירען איצט רומאטיזם מיט עלעקטרישע אפאראטען, וואס ארבייטען אויפ'ן זעלבען פרינציפ ווי א ראדיא.

מען האט ערפונדען אן עלעקטרישען פארנייס, וואס פראדוצירט 8,600 גראד היץ. דיזער פארנייס צושמעלצט שטיינער און פארוואנדעלט זיי אין גאז.

ווילט איהר שלאפען אין די קעניגליכע בעטען פון קאטערינא, אדער מאריא טעאדאראוונא?

דער מאסקווער קארעספאנדענט פון דער ,,קעלנ'ער צייטונג'' האט באשריבען אין א לענגערען ארטיקעל דעם באנייטען מאסקווער האטעל ,,נאציאנאל''.

פאר דער רעוואלוציע איז דאס געווען איינער פון די לוקסוסדיגע האטעלען פון רוסלאנד. דא האבען זיך אויפגעהאלטען גבירים און פירשטען. נאך דער רעוואלוציע איז ער פארוואנדעלט געווארען אין ,,הויז פון די סאוויעטען''. איצט איז דארט צוריק געווארען א האטעל, אבער א פרעכטיגער, א בלישטשענדיגער. ער האט צוריק באקומען זיין אלטען נאמען, ,,האטעל נאציאנאל''.

דער דאזיגער האטעל איז אויסגערעכענט פאר אויסלענדישע רייכע טוריסטען, און ער איז איצט אזוי איינגעארדענט, אז ער זאל זיי, ווי געהעריג, לאסען, און זיי זאלען טאקע מוחל זיין און צאהלען די פעטע פרייזען.

צום טויער פון האטעל פאהרען צו אויטאמאבילען. א לאקיי מיט א פנים פון עמיל יאנינגס עפענט די טירלאך פון די אויטאמאבילען און נעהמט אויף די רייכע געסט. זיין געהילף כאפט ארום דעם באגאזש. צוויי האטעל־אינגלאך מיט גלאנציגע קנעפ עפענען די טירען. דא רעדט מען אויף אלע שפראכען.

עס קומט אנטקעגען דער פארוואלטער אין א שווארצען סמאקינג און פרעגט העפליך:

— אפשר ווילט איהר שלאפען אין בעט פון קאטערינע דער צווייטער? צט איז איהר שלאפצימער.

דאס צימער איז פריש, עלעגאנט, דאס מעבעל איז באדעקט מיט שוועדישער פעל און באצויגען מיט בלויע זיידענס. בלויז א פאר שטולען, א טיש, א טוילעט־טישעל און דאס בעט זענען גענומען פון קאטערינע'ס פאלאץ.

דער פרייז? א קלייניגקייט, ניט מעהר ווי פופצעהן דאלאר א מעת־לעת.

אפשר ווילט איהר א מזרח־צימער? ביטע! נומער 217. איין דיוואן באדעקט די פאדלאגע, ווענט און סופיט. דאס מעבעל — איין שטיק בעסער פון צווייטען. אפשר ווילט איהר וויסען די פרייזען פון די חפצים אין צימער? ביטע זעהר. איהר קענט עס אלץ קויפען, אבער נאר פאר גאלד.

צימער 39. דאס איז דער קאבינעט פון אלעקסאנדער דעם דריטען. די שטולען זענען באצויגען מיט בלויען סאפיאן. אויפ'ן טיש שטעהט א גרויסער טינטער פון בראנז, ווי א ספינקס־סטאטוע. דעם טינטער האט שטענדיג באנוצט אלעקסאנדער דער דריטער.

צימער נומער 148. א טיש פון ראזע האלץ, מ'האט איהם אהער געבראכט פון ,,צארסקאיע סעלא''. די ביורעס — פון די פריוואטע אפארטמענטען פון דער קיזערין מאריא טעאדאראוונא.

דער טשוואק פון האטעל איז דאס קליינע שלאפצימער'ל נומער 229. דארט שטעהט דאס בעט, אויף וועלכען די קייזערין מאריא טעאדאראוונא האט געבוירען דעם לעצטען רוסישען צאר.

אנטשפרעכענדיג איז אויך די איינארדנונג פון רעסטאראן מיט ציגיינער־באר און רושען־ארקעסטער.

פרזיסט זויערע
מאגען אויף דעם
אנגענעמען אופן

ווען מענשען פילען נישט גוט צוויי שעה נאכ'ן עסען — ליידען פון הארץ ברענעניש, גאז, אומפארדייאונג — ניין מאל פון צעהן איז עס צוליעב צופיעל עסיד אין מאגען.

די בעסטע וועג — די שנעלסטע וועג צו פארריכטען עס איז מיט אלקאלי, און פיליפס מילק אף מאגנעזיא איז אן אלקאלי אין דער אונשעדליכסטער, געשמאקסטער און אנגענעמסטער פארם. עס איז די פארם, וואס דאקטוירים הייסען נעהמען; וואס האספיטעלער באנוצען; וואס מיליאנען האבען זיך אנגעהויבען פארלאזען אויף דעם אין איבער 50 יאהר פון אלץ וואקסענדען געברויך.

א לעפעל פיליפס מילק אף מאגנעזיא אין א גלאז וואסער נייטראליזירט פיעל מאל אזוי פיעל אין איבעריגען עסיד; און טוט עס שנעל. אין פינף מינוט פארשווינדען די סמנים פון צופיעל עסיד. ווער עס וויים דעם פאלקאמען מיטעל באנוצט קיינמאל נישט קיין גראבע מיטלען.

זייט זיכער צו נעהמען די עכטע פיליפס מילק אף מאגנעזיא. א ווייניגער פערפעקטער מיטעל וועט אפשר ניט העלפען פונקט אזוי גוט. אלע דראג סטארס האבען די היבשע 50 סענט באטעלס. פולע דירעקשאנס פאר זיינע פיעלע נוצען קומט שטענדיג אין פעקעדזשעס. (געמאכט אין קאנאדע.)

16 טאג
עקסקוירשאן
קיין
ניו-יארק
פרייטאג, 4־טען מערץ

SHIP AND TRAVEL ERIE
$15.25
הין און צוריק
פון
באפאלא

צוריק צו יעדער צייט אין משך פון 16 טעג. סטאפ־אווערס דערלויבט.
פאר ווייטערדיגער אינפארמאציע, רעזערוויישאנס און טיקעטס ווענדעט זיך צו טיקעט אגענטען אדער:
ע. מ. סנעל, דזשענעראל אגענט.
69 יאנג סט., טאראנטא, טעלעפאן עלגין 4077.
ERIE RAILROAD SYSTEM

,,געברויכט מיין בריעף
ווי אזוי איהר ווילט''

שרייבט מר. דזשעי. סי. וואטקינס, וואס גלויבט אז אנדערע קענען געהאלפען ווערען דורך זיין ערפאהרונג מיט אלל־בראן. מיר ציטירען פון זיין בריעף:

,,פונקט מיט דריי מאנאטען צוריק האב איך אנגעפאנגען צו נעהמען קעללאגג'ס אלל־בראן, און וואס פאר ענדערונג עס האט געמאכט. איך האב געוואונען 25 פונט אין וואג, און מיין הויט איז אפגעריינינגט געווארען, און אונפארדייאונג און פארשטאפונג זיינען פארשוואונדען. ווידער אמאל וויים איך ווי גוט עס איז צו לעבען.''—מר. דזשעי. סי. וואטקינס. (אדרעס לויט'ן פארלאנג).

די ,,קרעפטיגקייט'' אין אלל־בראן איז זעהר עהנליך צו דער ,,קרעפטיגקייט'' אין לעטטוס. אינווענינג אין קערפער פארמירט עס א ווייכען שטאף, וואס רייניגט ארוים דעם אפפאל פון די געדערים. געווים איז דיעזער וועג פיעל נאטירליכער ווי צו נעהמען פילען און דראגס וואס פארמירען אפט שעדליכע געוואוינהייטען.

עסט בלויז צוויי עס־לעפעל טעגליך — גענוג פאר די מעהרסטע סארטען פארשטאפונג. אויב איהר האט געדערים אונארדנונגען וואס ווערען ניט באזייטיגט אויף דיעזער אופן, זעהט אייער דאקטאר. אלל־בראן איז אויך א גוטער קוואל פון אייזען פאר די בלוט. סערווירט עס אלס א סיריעל, אדער געברויכט עס אין געקעכצען. פארשרייבט מען אויף דעם רויטען און־גריגען פעקעדזש. געמאכט פון קעללאגג אין לאנדאן, אנטעריא. קעללאגג'ס אלל־בראן איז אבסאלוט כשר אונטער דער השגחה פון אגודת הרבנים פון טאראנטא.



נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

ארעסטירט אויף קורצע צייט, באגייט ער זעלבסטמארד אין צעל

סאדבורי, פעברואר 29.

עדווארד מעיריק, א פארמשפטער אויף א קורצע צייט אין היגען דזשייל, האט באנוצט א האנטוך, אלס א מיטעל צו באגעהן זעלבסטמארד, און די דזשייל בעאמטע פיהרען יעצט אן אן אויספארשונג אויסצוגעפינען די אורזאכע פון דעם.

מיט א מאנאט צוריק איז ער באפרייט געווארען פון א קלאגע פון גנבה, פאר גנבענען א פראנצויזישע צייטונג פון א פאסט קעסטעל, כאטש ער קען קיין פראנצויזיש ניט.

דעם 16־טען פעברואר איז ער ארויסגעשפרונגען פון פענסטער אויפ'ן צווייטען שטאק אין היגען גריכט. ער איז אבער אין צעהן מינוט ארום געכאפט געווארען און איז דאן פארמשפט געווארען צו א מאנאט פאר גנבה און צו צוואנציג טעג פאר אנגריף.

דער וועכטער אין קארידאר פון דזשייל האט געפונען דעם ארעסטירטען אין זיין צעל הענגענדיג פון האנטוך. די אינפראוויזירטע תליה האט איהם איבערגעבראכען דעם נאקען.

די אויספארשונג האט אויפגעדעקט אז ער האט א פאטער אין וועלס, ענגלאנד. זיין מוטער איז באגאנגען זעלבסטמארד מיט א יאהר צוריק. קיין פינאנציעלע דאגות האט דער זעלבסטמערדער ניט געקענט האבען, ווייל אין צוויי בענק האט ער געהאט גאנץ באדייטענדע אקאונטס און האט אויך ווערטפולען פארמעגען אין קינגסמאונט, דער בעסערער רעזידענשעל טייל פון סאדבורי.

„פרייע ברויט מיט פוטער נויטיג פאליציי צו האלטען ארדנונג

וואנקואווער, פעברואר 29.

„פרייע ברויט מיט פוטער פאר אלע דערוואקסענע, וואס קומען אריין צו אונז אין סטאר", איז געווען דער ענטפער, וואס א ביזנעסמאן האט געגעבען צו א טשעין סטאר לעבען איהם, וועלכע האט אדווערטייזט, „פריי ברויט פאר אלע דערוואקסענע, וואס קומען אריין אין סטאר".

אנגעהויבען האט זיך עס, ווען די טשעין סטאר האט ארויסגעלאזט „ספעשעלס" מציאות. דער פריוואטער הענדלער האט געשניטען די פרייזען נידעריגער און די טשעין סטאר נאך נידעריגער.

ביז דער סוחר האט געלאזט וויסען, אז ער גיט ברויט צו יעדען, וואס וועט אויסגעבען 25 סענט ביי איהם אין סטאר.

ווען עס האט שוין געהאלטען ביים ברויט מיט פוטער, איז נויטיג געווען ארויסצורופען פאליציי צו האלטען ארדנונג, אזא עולם איז זיך צונויפגעלאפען.

פארמער העלפען זיך מיט אייגען געשאפען געלט

סאסקאטון, פעברואר 29.

די פארמערס אין לעראי, סאסק. האבען דערפאלגרייך ארויסגעהאלפען א פינאנציעלען קריזיס אין זייער קאאפעראטיווער קעז פעקטארי דורך ארויסגעבען אייגענע געלט.

די קעז פעקטארי איז געגרינדעט געווארען מיט עטליכע יאהר צוריק. מיט א צייט צוריק האבען זיי עס צוגעמאכט, ווייל צוליעב די גוטע פרייזען, וואס זיי האבען באקומען פאר ווייץ, האבען זיי אויפגעהערט צו האדעווען מילך קיה.

יעצט, ווען די ווייץ פרייזען זיינען געפאלען, האבען זיי געוואלט ווידער אויפעפענען די פעקטארי. זיי האבען אבער ניט געקענט באקומען קיין קרעדיט אין באנק. איז געשאפען געווארען א פלאן ארויסצוגעבען קופאנעס צו פופציג סענט, מיט וועלכע מען האט די פארמער געצאהלט פאר יעדע דרייסיג קווארט מילך. און ווען דער קעז איז פארקויפט געווארען דער פלאן האט אזוי גוט געארבייט, אז די פארמערס האבען געקראגען א צייטווייליגען דיווידענד פון 30 סענט און ענדליך נאך 18 סענט אויפ'ן דאלער.

ארעסטירט פאר שווינדעל מיט 3 יאהר צוריק

אטאווא, פעברואר 29.

יוסף שטערען, 34 יאהר, א גראדואירטער פון הארווארד, וואס איז יעצט אהער געקומען פון ענגלאנד, איז דא ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע פון שווינדעל, אין מאסאטשוזעטס, וואס איז באגאנגען געווארען מיט דריי יאהר צוריק.

זייענדיג אין אטאווא האט ער זעהר ברייט געלעבט און זיך געשאפען בעקאנטשאפט אין די פראמינענטע קרייזען פון שטאט.

געבען א טשעק וואס ווערט נישט געדעקט איז א קרימינעלער פארברעכען

אטאווא, פעברואר 29.

דער וואס גיט ארויס א טשעק, וועלכער ווערט אין באנק ניט באצאהלט, צוליעב ניט גענוגענדע פאנדען אויפ'ן חשבון פון ארויסגעבער (ען. עס. עף), וועט לויט א פארשלאג וואס דער מיניסטער פון גערעכטיגקייט, יוה גאטהרי, קלויבט זיך אריינצוטראגען אין פארלאמענט די טעג, אנגעקלאגט ווערען אין א פראוואו ארויסצונארען דורך פאלשע פרעטענציעס, סיידען ער וועט קענען אויפווייזען, אז ער האט געהאט אורזאכען צו גלויבען אז אין באנק געפינט זיך גענוג געלט אויף זיין חשבון צו דעקען דעם טשעק.

געבארענע אין קאנאדע ארייגעלאזט בלויז אויף קורצע צייט

האליפאקס, נ. ס. פעברואר 29.

שרה קראם, א געבארענע אין קאנאדע, האט געשאפען אזא פלאנטער אין איהר בירגערשאפט, אז זי האט געדארפט אויספועלען ביי קאנאדער עמיגראציע בעאמטע מען זאל איהר אריינלאזען אויף א וויזיט קיין קאנאדע.

וואוהין זי וועט פאהרען, ווען די צייט וועט זיך ענדיגען, איז נאך ניט קלאהר.

מרס. קראם איז געבארען געווארען אין בראנטפארד, אנט. האט חתונה געהאט מיט א רוסישען אינזשינער און איז אפגעפאהרען קיין אויסלאנד מיט איהר מאן, וועלכער האט זיך געוואלט זעהן מיט זיין אלטער מוטער.

אין רוסלאנד איז ער פארבליבען ארבייטען, ווען זי האט געוואלט באזוכען איהרע עלטערען אין בראנטפארד, האט די רוסישע רעגירונג איהם ניט דערלויבט ארויספאהרען פון לאנד, און איהר אריינהאט מען אפגעזאגט א דערלויבניש אריינצוקומען צוריק קיין רוסלאנד.

איז זי אהער געקומען אלס רוסישע בירגערין. אלס אזעלכער האט מען איהר דערלויבט צו זיין אין קאנאדע פיער מאנאטען צייט.

EMPIRE
די גאנצע וואך
צוויי מאל טעגליך 8.30 — 2.30
דער קעניג פון שטילע פאנסטערס
באזא
(טאמי) סניידער
מיט
לאנדאן געיטי מיידלאך
און ברעהליכען טים פון קאמיקער
פרעדביינדער און מייק סאקס
עלים קענעדי — פערל קעי —
בייב טאבין
30 פלינקע טאנצענדע שעהנהייטען
פרייזען:
לידים מאטינע טעגליך 25ס.
אווענט: 25ס. ביז $1.00
מאטינעס: 25ס. און 50ס.
קאלומביא בורלעסק

DUCHESS
THEATRE
Dundas cor. Markham
מארגען מיטוואך
2-טען מערץ
טירען אפען 1.30 נ. מ. נאכאנאנד
ביז 11 אווענט.
טיש געשיר פריי צו לידים מאטינע און אווענט.
„די רייט אף וועי"
מיט קאנארד נאגעל
לארעטא יאנג
אן אויסערגעוועהנליכע ליבעס געשיכטע — א פארגעסענע ליבע וואס וויל נישט פארשווינדען — א נייע ליבע וואס קען נישט פארגעבען — א נשמה אין די נענעל פון טייוועל און מלאך...
היינט צום לעצטען מאל
„די יעלאו טיקעט"

GARDEN
THEATRE
College at Spadina
היינט און מארגען
1־טען און 2־טען מערץ
נישט קיין גענגסטער פיקטשור — נאר א ליבעס געשיכטע ארומגעוויקעלט מיט שוידערנדער צאפלענדער געהיימנים!

Jack Holt and Sally Blane, in "A Dangerous Affair"—A Columbia Picture

„א דענדזשערוס עפעיר"
מיט דזשעק האלט, ראלף גרייווס און סאלי בלעין

LIBERTY
Dundas at Spadina
היינט און מארגען
1־טען און 2־טען מערץ
א דונערענדע קאמעדיע פול מיט געשפאנטקייט און אונערווארטעטע אנטוויקלונגען.
„די גוירל העביט"
"THE GIRL HABIT"
מיט
טשארלי ראגלס
און א מחנה שיינהייטען.
פרייע דינער דישעס
צו אונזערע לידים באזוכער מאנטאג און דינסטאג. נוצט אויס די געלעגענהייט אנצוקלייבען א פולען סעט.

MASSEY MUSIC HALL - דאנערשטאג
9 יאהריגער אינגעל וויאלינסט
פאול מוסיקאנסקי
„באהערשען די טעכניק פון אזא שטיק (וויוואלדי'ס קאנטשערטא) און שפילען עס מיט אן ארקעסטער איז א סימן פון א זשעני".
טיקעטס פארקויף מארגען — $1.00, $1.50, $2.00 און טעקס.

זייט איהר שוין
אויב ניט—ווערט שוין ?
איהר קאנט ניט און איהר טארט ניטווארטען. איהר מוזט גלייך
ווערען א מעמבער פונם
פאלקס-פאריין פון טאראנטא
א קווארטער אדער 50 סענט א מאנאט איז קיין געלט ניט.
פארשרייבט זיך באלד. לאזט וויסען ביי טעלעפאן: ווייווערלי 7292.
די גאנצע שטאדט רעדט וועגען איין זאך: —
וועגען דעם פאלקס-פאריין
מ'פרעגט איינער דעם צווייטען צי איז ער שוין א מעמבער פונ'ם פאלקס פאריין. אויב ניט טעלעפאנירט: ווייווערלי 7292. און פארשרייבט זיך באלד אלס א מעמבער.
איבער 25 אדער 50 סענט א מאנאט קענט איהר ניט שטעהן אוועק פון דער וויכטיגער אינסטיטוציע.
— א. וואס זאגט איהר מאמעשו? האט איהר זיך שוין פארשריבען?
— ניין? וואס הייסט ניין. אלע האבען זיך שוין פארשריבען.
— פאנט גלייך אפ ווייווערלי 7292 און מ'וועט אייך באלד פארשרייבען.
— אודאי, איך מיין טאקע דעם פאלקס פאראיין.
— עס איז א חרפה ניט צו זיין א מעמבער אינ'ם פאלקס פאראיין, און אין גאנצען פאר א קווארטער אדער 50 סענט. קענט איהר אויך זיין מיט לייטען גלייך.

יוקליד עוו. תלמוד תורה באזאר
— וועט פארקומען —
אין דער מינסקער שול
10 סענט ענדרו סטריט
היינט און מארגען 1-טן און 2-טן מערץ
דער שעהנסטער באזאר מיט די גרעסטע בארגיינס, וועט איהר קריגען נאר ביי אונזער באזאר. און מיט אייער קויפען די שעהנע ארטיקלען ביליג, וועט איהר העלפען אויפצוהאלטען די תלמוד תורה אין וועלכער עס לערנען 200 קינדער, פון וועלכע די גרעסטע העלפט קאנען קיין שכר למוד ניט צאהלען.
דער באזאר וועט זיך עפענען היינט, דינסטאג,
7 א זייגער אווענט.
די קאמיטע.

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
904 - 905 סענטראל בילדינג
אפיס טעלעפאן:
עדעלייד 3083
הויז טעלעפאן: טריניטי 1078
לאיער סאול אייזען ב.א.
SOL. EISEN, B.A.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס

אפיס טעלעפאן:
עלגין 1619
נאך אפיס שטונדען:
טריניטי 1446.
לאיער
ה. ס. מאנדעל
— פון —
גודמאן און מאנדעל
באריסטערס, סאליסיטארס א. אז. וו.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג.
אפיס טעלעפאן:
ווייווערלי 2211
הויז טעלעפאן קינגסדייל 8419.
לאיער ב. וויינבערג ב.א.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.

STANDARD THEATRE
אונזער נייער טעלעפאן נומער איז: ווייווערלי 6950
אב. קאגוט פרעזענטירט די גרויסע קינסטלער קא.
2־טע וואך. אונזערע גרויסע געסט 2־טע וואך
די באליבטע שוישפילער
חנה און איזידאר
האלענדער
צוזאמען מיט יעקב זאנגער
מיטוואך דעם 2–טען מערץ
לידים פריי 2 פאר איינס
חנה האלענדער אלס
מאדאם X
אויפגעפיהרט פון איזידאר האלענדער.
אויסגעשטאט פון אלעקס אמאסיא.
פרייטאג אווענט שבת ביטאג און אווענט
דעם 4־טען און 5־טען מערץ
חנה האלענדער אלס
„גיטעלע פון פוילען"
מוזיקאלישע קאמעדיע־דראמא פון נ. סטושקאף.
מוזיק פון ש. סעקונדע. אויפגעפיהרט פון א. האלענדער.
צוזאמען מיט אונזער קינסטלער קאמפאני:
אנא טייטעלבוים, אסתר פיעלד, חוה זימאנד, סטעלא שולמאן, יצחק ליפינסקי, היימאן ראפאפארט, משה זיידמאן און אליקס אמאסיא

STANDARD THEATRE
א גרויסער יום טוב!
מיטוואך, 9־טען מערץ
עהרען אווענט פאר אונזער באליבטען בוף־קאמיקער
יצחק לופינסקי
די בארימטע מיוזיקאל קאמעדיע
שמענדריק אין אמעריקע
פון וו. סיגעל. מיט 15 נומערען געזאנג.
א גרויסער כאר איינשטודירט פון מ. גינזבערג.
טיקעטס שוין צו באקומען אין באקס אפיס.

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
- מילכיגס און פליישיגס -
די אמת'ע כשרה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
273־275 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן ווייווערלי 4960.

פאלגענדע בוטשערס פארקויפען נבלות וטריפות
ש. בורד — 358 קאלעדזש סטריט
אייבי עפעלזאפט 854 דאנדעס סטריט
מאיר האלצמאן קארנער נעסאו און בעלוויו עוו
ראזענפעלד — 688 קאלעדזש סטריט
אייזיק אונגערמאן 38 קענזינגטאן עוועניו
שמעון קעלערמאן — באלדווין און ספעדיינע
היט אייך ניט אריינצונעהמען אין אייערע הייזער פון זייערע פליישען.
לאזט אייך ניט פארפיהרען פון הכשרים אויף נבלות וטריפות נגד התורה והיהדות.
וואורשט פעקטאריס אויפמערקזאם
נעהמט ניט אריין קיין ברוסטען פון די אויבענדערמאנטע בוטשערס אדער פון דעם פלייש פעדלער
היט אייך פון די טריפה'נע שוחטים
אברהם הורוויץ — באלדווין סטריט
יוסף קירשענבוים
פישבייך — קעמעראן סטריט
נחום טאוב (דער אוקראינער) דאנדעס, קארנער מארקהאם
משרד און ועד הרבנים דפה.